לידער פון אייביקן

ה. לייוויק

[illegible]

דער קוואַל

ה. לייוויק / לידער צום אייביקן


BENN


ה. לייוויק
לידער צום אייביקן

H. LEIVICK

LIDER TSUM EYBIKN

SONGS TO ETERNITY

פּאָרטרעט, שער-בלאַט און צייכענונגען — בען

סדר פֿון זאַץ און אײַנבונד — ישׂראל לאָנדאָן

תּשי״ט — ניו־יאָרק — 1959

Published by

DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N. Y., U.S.A.

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

לידער צום אייביקן



שטערן

איך הייב מײַנע אויגן צום הימל מיט שטערן
און כ׳זע, ווי עס סודען זיך שטערן מיט שטערן,
און כ׳זע, ווי אַ שטערן פֿאַלט צו צו אַ שטערן.

כ׳בין קליין, אָבער קלענער נאָך זײַנען די שטערן —
קוים־קוים וואָס איך זע זיי. איך זוך אין די שטערן
דעם שטערן, וואָס דאַרף זײַן מײַן שׂר צווישן שטערן.

געזאָגט האָט מײַן טאַטע: ס׳האָט יעדער אַ שטערן
אין הימל, אַ שׂר, און אויך דו האָסט אַ שטערן.

געזאָגט האָט ער נאָך: יעדער ייִד איז אַ שטערן,
ווײַל גאָט צוגעזאָגט האָט אַבֿרהמען: ווי שטערן
וועט גרויס און פֿילצאָליק דײַן פֿאָלק זײַן — גאָטס שטערן.

פֿון קינדהייט ביז עלטער — אין גאַנג פֿון די שטערן
האָט וועגן און קרײַזן געצייכנט מײַן שטערן.
געוועזן איז ער פֿ אַ ר מיר — מײַן טרוים צווישן שטערן,
און זײַן וועט ער נ אָ ך מיר — מײַן וואָר צווישן שטערן.

אין אָנהייב פֿון אָוונט, בײַם אויפֿגאַנג פֿון שטערן,
באַשטראַלט מיך מיט שלווה דאָס ליכט פֿון מײַן שטערן.
דערנאָך, אין דער חצות־שעה, בײַם טרויער פֿון שטערן,
נעמט קוקן אויף מיר מיט אַ גזר־אויג מײַן שטערן.
דערנאָך, פֿאַר באַגינען, בײַם אָפּשייד פֿון שטערן,
נעמט האָגלען אויף מיר אַ צעפֿאַלונג פֿון שטערן
און וואַרפֿט מיך אַנידער, ביז וואַנען מײַן שטערן
פֿאַרדעקט מיך מיט זיך, און אַ קול זאָגט: דײַן שטערן
בעט חסד פֿאַר דיר בײַ דעם האַר פֿון די שטערן.

איך ליג אַ פֿאַרדעקטער און כ׳הער, ווי מײַן שטערן
גיט איבער מײַן נאָמען צום האַר פֿון די שטערן.

אָ ו נ ט פֿ ל אַ ם

איך האָב צעבונדן אַלע בונדן,
איך האָב מײַן וואָרט פֿון צוים באַפֿרײַט,
ווען איבער מיר האָט זיך צעצונדן
אין פֿלאַם די גאַנצע מערבֿ־זײַט.

איך האָב געשפּאַנט. דער קאָפּ פֿאַרריסן
און אויסגעשטרעקט די הענט פֿאָרויס,
אַזוי ווי כ'וואָלט מיט פֿרייד באַגריסן
אַ פֿלאַם, וואָס ברענט און ברענט ניט אויס.

דער פֿלאַם אָבער האָט זיך געלאָשן,
וואָס מער מײַן טראָט האָט זיך געיאָגט,
וואָס מער מיט אָנפֿלייצונג פֿון לשון
איך האָב מײַן פֿרייד אַרויסגעזאָגט.

און פּלוצלינג זע — עס ליגט פֿאַרשלאָסן
צוריק אויף צוים מײַן מינדסטער זאָג,
ווען איבער מיר האָט זיך צעגאָסן
די אויסגעלאָשנקייט פֿון טאָג.

געשעט וואָס נאָכדעם? — אַ געפּלעפּטער
כ'בלײַב שטיין אַליין ווי אויף אַ צוים,
און מיט דער וואַלדנאַכט אַ באַהעפֿטער
כ'פֿאַל צו צום האַרץ פֿון ערשטן בוים.

די נאַכט צעעפֿנט אירע לונגען
און שלינגט דעם מולדם ווײַסן שוים,
און כ'ווער אין איר אַרײַנגעשלונגען
צוזאַמען מיט דעם האַרץ פֿון בוים.

ג ע ז אַ נ ג

אַלע געוויינען זיך צו צו מײַן נוסח פֿון ליד,
אַלע — נאָר ניט איך אַליין;
זע, פֿון מײַן האַלדז הענגט אַרונטער אַ גזריקער שטיין.

זע, פּלוצלינג מיין איך, אַז איך בין אַ שווינגיקער שמיד,
כ'שמיד אויס פֿון ווערטער צוויי פֿליגל און כ'פֿלי —
לאָזט זיך גאָר אויס, אַז איך ליג מיט געבראָכענע קני.

נעם איך און דעק צו מיט שלייערס דעם בראָך,
און צו דעם יאָכיקן שטיין מיטן קאָפּ פֿאַל איך צו;
זע, פּלוצלינג מיין איך, אַז דאָס איז די געטלעכע רו.

וווּנדער פֿאַרכאַפּט מיך, וואָס גרעסער און שווערער דער יאָך,
בענטשונג און לויב צו דער וווּנדער־צעשטראַלטער מינוט —
לאָזט זיך גאָר אויס, אַז איך ליג אַ פֿאַרטונקלטער אין בלוט.

„לעב אין דײַן בלוט" — קומט דער אײביקער געטלעכער זאָג.
וויפֿל מאָל האָב איך שוין לעבן מיט טויט־גזר געפּאָרט? —
אַלע געוויינען זיך צו צו מײַן נוסח פֿון וואָרט.

אַלע, נאָר ניט איך אַליין. סײַ בײַ נאַכט סײַ בײַ טאָג
בעטל איך אויס קוים דעם חסד פֿון קלאַנג,
בעטל איך אויס די מתּנה, וואָס רופֿט זיך ג ע ז אַ נ ג.

דער שׂר פֿון מײַן ליד

איבער מיר טיף אין נאַכט — דער שׂר פֿון מײַן ליד,
און זעלטן אַ מאָל — די מוזע, די געטין ;
די קנייטשן אין מיר, פֿון אַן אַלטן ייִד,
זיי וואַרטן, אַז עמעצער זאָל זיי פֿאַרגלעטן.

די מוזע אַנטלויפֿט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ באַרג,
דער שׂר לאָזט זיך וואָגלען אין טאָל אין דער נידער,
און אַלע מײַנע ווערטער ווערן צמצומדיק קאַרג
בײַם זוכן דאָס ליד פֿון די לידער.

איך רײַס פֿון דער נאַכט קוים אַרויס אַ וואָרט,
ווי מען רײַסט אַ נאָגל אַרויס מיט צוואַנגען,
און איידער עס ווערט מיט אַ צווייט וואָרט געפּאָרט,
איז שוין דער באַגינען לאַנג-לאַנג אויפֿגעגאַנגען.

אַ מזל אַזאַ האָט דאָס צווייטע וואָרט
צו ווערן אַ טייל גלײַך פֿון העלן באַגינען,
איך הייב אָן צו וואָגלען פֿון אָרט צו אָרט
און קאָן שוין דאָס וואָרט צו אַ פּאָר ניט געפֿינען.

דער שׂר פֿון מײַן ליד איז אַ שטרענגער שׂר,
אַזוי ווי מײַן טאַטע און אפֿשר נאָך שטרענגער ;
איך וואָגל — אַ קלוגער, איך וואָגל — אַ נאַר,
ביז סאַמע סוף טאָג, ווען מײַן שאָטן ווערט לענגער.

מײַן שאָטן ווערט לענגער און לענגער, און אָט
פֿאַרדעקט ער דעם טאָל, אויך דעם באַרגשפּיץ פֿאַרדעקט ער ;
דער שׂר פֿון מײַן ליד, ווי אַ נוקם אַ גאָט,
בכּיוון בלײַבט הויערן ניט קיין אַנטפּלעקטער.

אין אָפּשלום פֿון קרײַז

אַ ברענג מיך צום אָרט פֿון מײַן וויגל,
אַרומקרײַזנדיק די ערד, —
צו אָפּשליסן ענדלעך מײַן עיגול,
וואָס איז מיר געווען, גאָט, באַשערט.

איך בעט, כאָטש איך דאַרף גאָר ניט בעטן,
מײַן לעבן פֿאַרקרײַזט זיך אַליין,
דער גבֿול, וואָס איך דאַרף נאָך באַטרעטן,
איז העל און איז שיין, אָבער קליין.

און ווי ער איז קליין, ווערט נאָך קלענער
דער שטח פֿון מײַנע טריט,
און ווי ער איז שיין, ווערט נאָך שענער
דער שאָטן, וואָס גייט מיט מיר מיט.

איך זע שוין דעם פּונקט פֿון דער ווײַטנס —
מײַן ערשטע נקודה. איך קום
צוריק צו מײַן אָנהייב בײַ צײַטנס
אין אָפּשלום פֿון קרײַז רונד אַרום.

איך זע מײַן לעבן

איך זע מײַן לעבן הײַנט אין פֿולן אויסבייג פֿון אַ קרײַז
נאָך אַלע זעונגען פֿון שאַרפֿן ווינקל און קוואַדראַט
און גלײַכער ליניע — צי אויף דער גליווערניש פֿון אײַז,
צי אין דער קאַנטיקייט פֿון צימער און פֿון קאַזעמאַט.

דעם נס פֿון פֿולן קרײַז האָב איך שוין לאַנג געאַנט,
נאָר ניט געזען ווי כ'טו אַליין זיך רגעווײַז אַ דריי
און גיב אַ בייג די גלײַכקייט, ביז איך האָב דערקאַנט
מײַן ערשטן פּונקט — מײַן סאַמע ערשטן אויסגעשריי.

דער ערשטער פּונקט — נקודה רופֿט עס אַן דער פֿילאָזאָף,
און אויך דער דיכטער זאָגט מיט פֿאַרכט דאָס זעלבע וואָרט;
אַ ווינקל און אַ ליניע מוזן זיך פֿאַרענדיקן סוף־סוף,
דער קרײַז אָבער איז אייביק מיט אין־סופֿיקייט געפּאָרט.

אָט גיי איך, אָט פֿאַרדריי איך זיך אַרום אין רונד,
עס מאַכט ניט, אויב עס גיבן זיך אַ בראָך די קני
און זיי צעקלאַפּן זיך אויף בלוט אין ווײ און וווּנד —
זיי מ ו ז ן אָבער צוקומען צום ערשטן פּונקט סײַ ווי.

צי וועל איך קומען

צי וועל איך קומען צו מײַן ערשטן פּונקט בײַ צײַטנס,
צי אפֿשר וועל איך גאָר פֿאַרשפּעטיקן אויף אַ מינוט,
מײַן טרײַער שאָטן וועט פֿאָרויסלויפֿן די ווײַטן
און אָנזאָגן: מיר זײַנען אָנגעקומען גוט.

די ווײַטן וועלן אַלע זיך פֿאַרזאַמלען,
אַרומקרײַזן מײַן נסימדיקן לעצטן טראָט,
און איך וועל פֿון גרוים יראה זיך פֿאַרשטאַמלען
ווי משה בײַם דערזען דעם סנה־פֿײַער פֿון גאָט.

דער דאָרן האָט געברענט און ניט פֿאַרברענט געוואָרן,
ער ברענט געוויס אויך הײַנט נאָך אין דער ערשטיקייט;
צי זאָל מײַן גוף זײַן ערגער פֿון אַ מדבר־דאָרן,
אַז ז ײַ ן פֿײַער זאָל יאָ פֿאַרלאָשן זײַן דורך צײַט?

דעריבער, ווען איך זאָל צום לעצטן טראָט ניט קומען,
צום לעצטן פּונקט, וואָס איז אין אמתן גאָר ע ר ש ט,
אַ רגע פֿריִער צי אַ רגע שפּעטער — זאָל מײַן גומען
ניט אויפֿהערן צו זײַן פֿון שטאַמל־נס באַהערשט.

און זאָל ניט אויפֿהערן מײַן שאָטן טרײַ צו וואַכן
און טרײַ צו אויפֿנעמען דעם מינדסט־מינדסטן באַווײַז,
אַז מײַנע ברעמען זײַנען גרייט זיך רוִיק צו פֿאַרמאַכן,
ווען אַ ק ו ר אַ ט עם שליסט צוזאַמען זיך דער קרײַז.

אויף יענער זײַט פֿון זאַכן

אַיעדע זאַך, אויף וואָס עס פֿאַלט מײַן בליק,
פֿאַרמאָגט אין זיך אויף אַנדערשקייט אַ רמז,
איך קוק פֿאָרויס — דערזע איך דעם צוריק,
און וואָס ס'איז מער ניטאָ — איז י ש פֿון אמת.

די זון גייט אויף — און איך בין נאָך אין נאַכט,
אַז איך גיי אויף — ווערט נײַע נאַכט נאָך גרעסער;
איך פֿאַל אַרײַן אין פּחדים פֿון אַ שלאַכט,
אין קרייצונגען פֿון שווערד און שפּיז און מעסער.

איך לאָז זיך לויפֿן, און אין מיטן פֿון געלאַף
דערזע איך, אַז איך ליג גאָר אַ געשמידטער,
און עמעצער פֿאַרקויפֿט מיך פֿאַר אַ שקלאַף,
און עמעצער פֿאַרשמײַסט מײַן לײַב מיט ריטער.

און פּלוצלינג קערט זיך איבער אַלץ אויף נס
און אויף מײַן קאָפּ צעפֿינקלט זיך אַ כּ ת ר ,
געדויערט עס אַ שעה קוים אין מעת-לעת,
מײַן קאָפּ ליגט ווידער הינטער שוואַרצע שלעסער.

דערזע איך ערשט, אַז אַלץ וואָס הײַנט געשעט,
איז ווייניקער נאָך יש פֿון שטויב אויף שליאַכן,
און ס'יאָמערט אויף אין מיר דער דיבוק דער פּאָעט
און כ'פֿאַל אַוועק אויף י ע נ ע ר זײַט פֿון זאַכן.

מענטשן האָבן באַדאַרפֿט קומען

מענטשן האָבן באַדאַרפֿט קומען
צו שטיין דיר צוקאָפּנס און דיך בענטשן;
מענטשן זײַנען ניט געקומען,
איז די בענטשונג געקומען אַליין,
געקומען די בענטשונג אַליין,
געקומען אַליין.

זי האָט אָנגערירט דײַנע פֿאַרמאַכטע אויגן,
דײַנע פֿאַרשלאָסענע ליפּן,
האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אויף זיי
ווי אַ שמייכל ערבֿ טאָג
(און געווען איז שוין באַלד ערבֿ נאַכט),
האָט די בענטשונג געבענטשט דעם שמייכל
און — זיך אָפּגעשיידט און צעשיידט זיך,
איז דער שמייכל געבליבן אַליין,
געבליבן דער שמייכל אַליין,
געבליבן אַליין.

דורך דער אָוונטיקער שויב האָט אַ זונשטראַל
זיך אַרײַנגעפֿעדעמט גאָלדיק ווייך
און איבערגעדעקט מיט שטילער ליבשאַפֿט
דעם שמייכל אַקוראַט בײַם פֿאַרגיין.
דער שמייכל איז פֿאַרגאַנגען —
איז דער זונשטראַל געבליבן אַליין,
געבליבן דער זונשטראַל אַליין,
געבליבן אַליין.

אַ ביינעלע פּאַפּיר

פֿון טויזנט זאַכן אויף דער וועלט איז מיר פֿון קינדהייט נאָך פֿאַרבליבן
אַ ניט פֿאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר און אויך אַן אַלטע פֿעדער —
איז וואָס וועט זײַן, ווען ס'בייגעלע וועט ווערן שוין פֿאַרשריבן?
פֿון פֿרעגן נאָר אַזוינס קאָן הויך אַ לאַך טאָן יעדער, יעדער.

און אַז ער וועט אַ לאַך טאָן? האָב איך מורא פֿאַר געלעכטער?
אָ ניין, נאָר איך אַליין מיט זיך אַליין ווער פּלוצלינג קידער-ווידער:
„אויב דו ביסט יאָ אַ דיכטערמאַן אַן אמתער, אַן עכטער —
פֿאַרשרײַב דאָס בייגעלע מיט שיינקייטן פֿון סאַמע לעצטע לידער."

איך צי אַפּ טעג און נעכט, איך צי אַפּ הונדערטער מעת-לעתן,
איך שרײַב אויף אַנדערע, אויף נײַע אַלערלייִיקע פּאַפּירן,
נאָר ס'אַלטע בייגעלע פֿאַרזע איך, ווי צו ווּעלן עס פֿאַרגעסן,
כ'מײַד אויס, אַז מײַנע פֿינגער זאָלן עס אַפֿילו ווען באַרירן.

איך ווייס אַליין ניט, וואָס מײַן אויסמײַדן באַדאַרף באַטײַטן.
צי האָט זיך ניט אין מיר אַזאַ מין גילגול-שרעק פֿאַרקליבן?
און מער נאָך ווייס איך ניט, צי כ'דאַרף זיך אויף אַן אַנדערן פֿאַרבײַטן,
און וואָס וועט זײַן מיט מיר, ווען ס'בייגעלע וועט זײַן פֿאַרשריבן.

איך זוך אין נאָר דײַן טיפֿעניש

איך זוך אין גאָר דײַן טיפֿעניש מײַן סאַמע עיקר.
איך זאָג עס, כּדי פֿאַר זיך אַליין אַן ענטפֿער געבן,
פֿאַר וואָס כ'צערײַס אַ מאָל אַ גאַנצע נאַכט אויף שטיקער
און איך צעוואַרף זיי איבער אַלע שטחים פֿון מײַן לעבן.

אַן אויסטערליש צעוואָקסענע לבֿנה קוקט אין פֿענצטער
און רייצט מיך מיט אַ טאָפּלבליק — אַ האַרטן און אַ צאַרטן,
דערבײַ אַ טאָפּל-קול — אַ ווײַטסטער און אַ נענטסטער,
כּסדר האַלט אין פֿרעגן מיך: אויף וואָס דאָס וואַרטן?

אַזאַ משונהדיקייט פֿון אַ קול, אַזאַ עקשנות —
ניט אַנדערש ווי צו ווּעלן מיך אין ערגעץ ווײַט פֿאַרטראָגן.
וווּהין? כ'בין קיינעמס וואַנדלער ניט, און אויך ניט דער לבֿנהס,
איך האָב אַן אַנדער שליחות, איידער עס נעמט טאָגן.

איך דאַרף צוזאַמענעמען אַלע נאַכטשטיקער, די קריעות
די צעשלײַדערטע אויף אַלע שטחים פֿון מײַן לעבן,
זיי אויסלייגן ווי העלע פֿינגער איבער מײַנע וויִעס,
דערמיט זיי גאַנץ מאַכן און זיי דערמיט אַ תּיקון געבן.

וואלדרוף

מיך רופט דיין רוף — א וואלדקלאנג א געהיימער,
איך לאז זיך וואנדערן אין נאכט-שעהען אין שפעטע,
איך הער, ווי ס'עפנט זיך א קנאספ אויף אלטעביימער,
איך הער א יונג געזאנג אין ווערטער לאנג גערעדטע.

אין פרישער אויפגעעפנטקייט פון אלטע ווערטער
איך קוק אריין מיט צוטרוי א באנייטער,
מיין טרויער, מיין באגלייטער אל-באשערטער,
גייט אויף — פון אלע פחדים א באפרייטער.

איך זאג ניט, אז איך האב ערשט איצט געפונען
מיין וועג צו דיר. איך האב אים קיין מאל ניט פארלארן.
כ'בין אפט מאל נאר פון זיך אליין אנטרונען
און זיך באהאלטן אין דעם אונטערגרונט פון יארן.

איצט ליגן הינטער מיר שוין אלע תהומען
און אלע מוראס, און איך דארף ניט מער אנטרינען.
און אז איך הער דיך אויסרופן אין נאכט מיין נאמען,
דערוואַרט איך, זאלסט מקבל פנים זיין מיך אין באגינען.

דאס זילבערנע לבנה-אויג נעמט בלייכער ווערן,
די ביימער און דעם וועג דורך זיי דעקט צו א שלייער,
אן עדות איז דער לעצטער מזלדיקער שטערן,
אז אין גאטס שפיגל האט ארייַנגעקוקט א וואכער גייער.

זיבן עלטסטע בלעטער

די זיבן עלטסטע בלעטער גרין פון מיין וואזאנע —
גאר פלוצלינג האבן זיי זיך איינגעבראכן און אראפּגעזונקען ;
איך רעד צו זיי : צי זאל איך אינעם זינקען זען א טויט-סכנה
פאר גאר דעם שטאם, אפילו ווען ער איז מיט וואסער אנגעטרונקען.

מיר לעבן שוין אונטער איין דאך אזוי פיל יארסעזאנען,
מיר זיינען ווי געווארן איינס מיט נאכט און מיט באגינען ;
ווי עלטסטע בלעטער מוזט איר זיך, איר זיבן, גוט דערמאנען,
ווי איך האב מיך געפרייט מיט אייער יונג זיין און מיט אייער גרינען.

איר מוזט, איר מוזט געדענקען און מיט דעם זיך שטארקן
און גובר זיין אין זיך די מידקייטן די אומגעריכטע ;
עס האט ניט, אויסער אייך, קיין בלאט אין אל די שענסטע פארקן
אזא צונויפגעגורלטע, צונויפגעכישופטע געשיכטע.

דערזעט אין אייער בלענד דעם אפשיין אויך פון מ יי נ ע אויגן,
און אין די שפיצן אייערע — דעם פיבער אויך פון מ יי נ ע פינגער,
און ווען איר נעמט אראפּזינקען, צום לעצטן ראנד זיך נייגן —
פארגעסט ניט, אז אויך איך, ווי איר, ווער עלטער און ניט יינגער.

פארגעסט ניט אן דער שותפות אונדזערער אזוי פיל יארן,
ווי איך האב יעדן טאג געזארגט זיך וועגן אייער שפעטער,
פארגעסט ניט, אז איך האב מיט אייך געחלומט וועגן ניי געבארן —
פארגעסט עס ניט, פארגעסט עס ניט, איר זיבן עלטסטע בלעטער.

טולפּאַנען

רויטע, ראָזעווע און מילכווײַסע טולפּאַנען,
אָפֿן־בעכערדיק ביז אָוונט טרינקט איר זון צו זאַט,
שקיעה־צײַט פֿאַרמאַכט איר זיך און פֿרעמד, ווי ניט פֿון דאַנען,
שלאָפֿט איר אויפֿן שטענגל, וואָס האָט ווו־ניט־ווו אַ בלאַט.

ווי אַ ליפּנשלאָס פֿאַרקלאַמערט איר בײַ נאַכט איעדן בעכער, —
שלאָגט אַרוים אַ קאַלטער טוי אויף אײַער גלאַטער הויט,
און די שטענגלעך, איינער נידעריקער און אַ צווייטער העכער,
האַלטן אײַך אויף זיך געדולדיק, טרײַ־פֿאַרטרויט.

דער באַגינען קומט — צעוויגן זיך די שלאַנקע שטענגלעך,
זאָגן אָן: די זון גייט אויף אין בלוי, אין רויט, אין ראָז;
פֿאַלט אויף אײַך אַן ערשטער שטראַל צעצויגן־לענגלעך
און אַ שמייכלשפּעלטל עפֿנט אײַער ליפּנשלאָס.

אָפֿענער און אָפֿענער צעשפּרייט איר אײַערע בעכער
ביז אַנטפּלעקן אײַער גאַנצע אינגעווייד אין פֿולער פּראַכט —
אַ פֿאַרבעטונג פֿאַר די גלוסטנדיקע בינען־שטעכער,
אַז זיי זאָלן קומען טרינקען אײַער האָניקזאַפֿט ביז נאַכט.

אַ תּפֿילה אויפֿן גרינעם גראָז

אויפֿן גרינעם גראָז, אויפֿן יונגן פֿעלד
אַ תּפֿילה פֿון איינעם בײַם אָפּגאַנג פֿון יאָרן:

„אָ גאָט, קער אום, קער אום דײַן געשטאַלט
צו דעם וואָס ז ײַ ן געשטאַלט איז אים פֿאַרלאָרן געוואָרן,
צו דעם וואָס וואָגלט אַרום
צווישן בוים און גראָז און צווישן שטעך פֿון דאָרן,
צו דעם וואָס הייבט אויף זײַנע ביידע הענט
און וויל מיט זיי אָנרירן דײַנע אָוונט־שטערן
און גיט אַ פֿאַל מיט אַ מאָל צו דער ערד
ווי איינער וואָס קען מער צו זיך ניט געהערן —
ניט מיט זײַן קאָפּ און ניט מיט זײַנע פֿיס
און ניט מיט זײַנע אָרעמס און ניט מיט זײַנע ריפּן;
ער וויל עפּעס זאָגן, זאָגן צו דיר,
נאָר שטײַף פֿאַרשטיינערט ווערן זײַנע ליפּן;
ער ווייס, אַז אַ גוף קאָן ווערן ליים,
קאָן ווערן האַרט, קאָן ווערן נאָך האַרטער
(אַ מאָל, אַ מאָל האָט ער אויך געוווּסט,
אַז גוף קאָן זײַן צאַרט, קאָן ווערן נאָך צאַרטער);
פֿון דעסט וועגן זע, אַז אויך איצט פֿליסט אין אים
עפּעס אַזוינס וואָס איז פֿון דיר דער עיקר —
עפּעס אַזוינס וואָס איז ווען ניט געוואָרן פֿאַרברענט,
ווען עמעצער האָט אים צעשניטן אויף שטיקער
און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿלאַקער פֿײַער,
און עמעצער אַ צווייטער האָט עס צוגעזען
און געקלאָגט: מײַן ליבער, און געקלאָגט: מײַן געטרײַער,
דערנאָך אַרויסגעשריִען מיט התלהבֿות גרויס:
אָ זעט, אָ זעט, ס'איז דאָך קידוש־השם! — — — —
אָבער וואָס איז אַרויסגעקומען, אַרויסגעקומען פֿון דעם —
אַז דערווײַל איז געוואָרן פֿאַרלאָרן זײַן געשטאַלט
צווישן די פֿלאַמען פֿון העלישן פֿײַער;

און איצטער זע — אַלץ ווידער טוט גרינען,
אָבער ער זײַן געשטאַלט קאָן צוריק ניט געפֿינען.
אַ גאָט, קער אום, קער אום דײַן געשטאַלט
צו דעם וואָס ז ײַ ן געשטאַלט איז פֿאַרלאָרן געוואָרן."

אויפֿן גרינעם גראָז, אויפֿן יונגן פֿעלד —
אַ תּפֿילה פֿון איינעם בײַם אָפּגאַנג פֿון יאָרן.

אַ דערמאָנונג

אין ווינקל פֿון אויוון האָט געשטעקט די רוט,
מיט וועלכער דער טאַטע האָט די קינדער געשמיסן,
געשטעקט ווי אַ וואָרענונג, אַז יעדע מינוט
קאָן קומען די שטראָף — און אַ קינד זאָל עס וויסן!

דער טאַטע איז קיין גרויסער גיבור ניט געווען,
איז שווער אים אָנגעקומען די מלאכה שמײַסן,
ביז וואַנען ער דערציילט די שמיץ קוים ביז צען,
נעמט אַ קאַלטע בלאַסקייט אַרום דעם כּעסן.

ער בלײַבט אַן אויסגעשעפּטער זיצן אויף דער באַנק,
ער כאַפּט זיך בײַם האַרץ און פֿאַרקלעמט די ציינער,
נעמט טענהן צום געשמיסענעם: מאַכסט דאָך מיך קראַנק,
וואָס האָסטו צו מיר, דו גזלן איינער?!

דאָס קינד דאָס געשמיסענע קוקט אים אָן,
עס קאָן ניט באַגרײַפֿן די ווערטער זײַנע;
קיין שמיץ ניט פֿאַרדינט, ווײַל קיין שלעכטס ניט געטאָן —
דאָס קינד בלײַבט געפּלעפֿט פֿון דער מאָדנער טענה.

די מאַמע דערווײַל לויפֿט נאָך וואַסער אַ גלאָז,
דערבײַ לאָדט זי אויס איר פֿאַרדראָס דורך טרערן:
— וואָס האָסטו צום קינד? ס'איז דאָך שטיל ווי אַ האָז!
איר וואָרט אָבער קאָן שוין דער טאַטע ניט הערן.

דער טאַטע פֿאַלט צו אין חלשות צום בעט,
מיט שווייסאַנגסן טראָפּנט זײַן שטערן זײַן ווײַסער,
און זע — דער געשמיסענער שלאָגט זיך על-חטא,
און זע — דער געשמיסענער מינטערט דעם שמײַסער.

איך קוק אויף דיר

שׂרהן

א

איך קוק אויף דיר,
איך קוק אויף דײַנע גרויע האָר —
ווען איך אַליין
בין יאָרן לאַנג פֿון דיר שוין גרויער,
באַוווּנדער איך,
ווי דו באַגעגנסט אונדזער שטילע וואָר
און ווי דו ביסט באַהבֿה
מקבל יעדע זאָרג און יעדן טרויער.

ב

געשטאַנען אויפֿן טיש
אַ ליידיקע, אַ פּראָסטע וואַזע —
האָסטו נאָך נעכטן נאַכט
זי אָנגעפֿילט מיט ווינטערבלומען;
מיר שטייען ביידע, זע,
אין שעמעוודיקייט פֿאַרן עולם־הזה
און גוט איז, וואָס די שעמעוודיקייט
האָט דאָס האַרץ אונדזערס פֿאַרנומען.

ג

ס'איז גוט — וואָס שטילערהייט,
פֿון זיך אַליין, האָט זיך אַנטפּלעקט
פֿאַר אונדז די לעבעדיקייט
פֿון אַ טיש מיט זײַנע פֿליגל,
די ביכערשראַנקען זאָלן אויפֿזינגען,
אַפֿילו ווען מיט שטויב פֿאַרדעקט,
און העלע ליכטיקייטן זאָלן שטראַלן
פֿון אַ ווינקלדיקן שפּיגל.

ד

אין שפּעטע נאַכט־שעהען זאָל איך
די טריט דײַנע דערהערן
און אָפּט מאָל אויך דײַן תּפֿילה —
אין געוויין־חלום פֿאַרבאָרגן,
און איך זאָל וויסן, אַז צוזאַמען
מיט די דרויסנדיקע שטערן
איז דאָ אַן אויג אַן אינווייניקסטע,
וואָס דערהיט מיך צום פֿרימאָרגן.

תּהילימדיק

אַ תּפֿילה, אַ מזמור — אויף סטרונעס און אָן זיי.
אַ גאָט, גיב אַ צייכן, אַז כ׳בין דיר נאָך טײַער;
אַ ווונק, אַז דו וועסט מיך מער קיין מאָל ניט ברענגען
צום גרויל פֿון נסיון צו שטאַרבן אין פֿײַער.

ווײַל זינט איך געדענק זיך, איז גאָר מײַן נשמה
פֿאַרטאָן אין אַן אימה פֿאַר שײַטערשן פֿײַער,
בײַ טאָג און בײַ נאַכט האַלט מײַן לײַב אין איין פֿרעגן,
צי קומט אויף דער וועלט ניט אַ צינדער אַ נײַער.

מײַן דמיון, באַשעפֿער, איז קראַנק פֿון דער אימה,
אַז פֿלאַם קאָן פֿאַרכאַפּן מײַן לײַב און עס בראָטן,
די אימה קומט אָן, ווען איך זע נאָר אין דמיון
אַ שוועבעלע פֿאַלט אינעם גבֿול פֿון מײַן שאָטן.

אַז כ׳ברי אָפּ אַ מאָל נאָר אַ ברעג פֿון אַ פֿינגער,
צינדט אָן זיך מײַן מאַרך מיט אַ בראַנדיקן רעיון —
מײַן הויט, מײַנע פּים, מײַנע האָר, מײַנע אויגן,
זיי נעמען צוזאַמען איין גוואַלדגעשריי שרײַען.

כ׳בין מודה, באַשעפֿער, דײַן קנעכט איז אַ פּחדן.
כ׳האָב מורא אויף גלײַיקע קוילן צו ליגן,
כ׳האָב מורא אויף שפּיציקע שפּיזן צו זיצן,
אויף תּליות אַהין און אַהער זיך צו וויגן.

אַפֿילו אַ מאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן,
געווען בין איך פּחדן, פֿאַר הינט זיך געשראָקן,
פֿאַר אויגן פֿון וועלף און פֿאַר צינגלעך פֿון שלאַנגען,
אַפּשיטא שוין הײַנט ווען איך ווער שוין אַ זקן.

מיט פּשוטע ווערטער איך פֿרעג דיך, באַשעפֿער,
און ענטפֿער אויך פּשוט, אויב כ׳בין דיר נאָך טײַער,
זאָג, וויפֿל דער שיעור, דו זאָלסט גיין מיר אַנטקעגן
מיט וועלף און מיט שלאַנגען, מיט שפּיז און מיט פֿײַער?

פֿאַרקוק מיך, פֿאַרזע מיך אין זכות פֿון דײַן רחמים,
פֿאַרהיט מיך פֿון אַלע, פֿון אַלע בזיונות.
דערבאַרעמדיקער, ווער דערבאַרעמדיק מער נאָך
און שטעל מיך אין גאַנצן ניט מער פֿאַר נסיונות.

מײַן טאַטע אויף דער בלויער וואַנט

מײַן טאַטע מיט זײַן לאַנגן פֿינגער
ווינקט שטרענג צו מיר פֿון בלויער וואַנט:
„דו ווערסט, מײַן זון, נאָך אַלץ ניט ייִנגער
פֿון מײַן צעצווײַגטער דאַרער האַנט.

און זי, מײַן האַנט, זי ווערט ניט עלטער,
זי מעג זײַן צען מאָל אַזוי דאַר,
זי מעג זײַן צען מאָל ווײַסער, קעלטער,
פֿאַרשווערט מיך וואַך זײַן גאָט דער האַר.

און נאָך פֿאַרשווערט ער מיך: צו קוקן
פֿון וואַנט אַרונטער, פֿון פּאָרטרעט,
אין פּנים דיר, ווען ס'הייבט אָן צוקן
דײַן ליפּ אויף ליפּ אין שטום געבעט.

ער זאָגט מיר: פֿרעג דײַן זון, וואָס קלעמט אים,
פֿאַר וואָס באַטרעט ער ניט דעם וועג
צו מיר, צו גאָט? ווען מענטש פֿאַרשעמט אים,
פֿאַר וואָס געפֿינט ער מ י ך ניט, פֿרעג.

איך פֿאָלג. איך פֿרעג. איך רוף דיך: ליבער,
אין בונד אויף ס'נײַ, וואָס איך פֿאַרקניפּ,
איך שיק פֿון בלויער וואַנט אַריבער
מײַן לאַנגן פֿינגער צו דײַן ליפּ.

מײַן פֿינגער זאָגט: ביסט אייביק מײַנער,
זײַ וויסן, מײַן באַריר איז גליק,
ניט זײַ קיין מאָנער און קיין טענהער,
ווײַל שטענדיק רוט אויף דיר מײַן בליק.

ווען ד ײַ ן בליק נעמט די נאַכט פֿאַרדעקן,
די ליפּן דעמאָלט עפֿן, כ'בעט,
כאָטש איין מאָל טו פֿאַר מיר אַנטפּלעקן,
וואָס מיינט דײַן צונאָמען פּ אָ ע ט.

צי מיינט ער, זאָג מיר, צי באַטײַט ער
אַ טרייסט פֿאַר דיר אין אַל דײַן עול
זיך אויפֿצוהייבן שפּאַנען ווײַטער,
אַפֿילו ווען צום לעצטן מאָל?

דו שווײַגסט. פֿאַרשטיי איך ניט דײַן שווײַגן,
ווען איך ווער רעדעוודיק אין ראָם;
דער דרך איז, אַז ס'רוישן צווײַגן,
ווען שטילקייט איז דער תּוך פֿון שטאָם.

איך ווער ניט עלטער, דו — ניט ייִנגער,
קום צו צו מיר, ווי כ'וואַך אין ראָם.
אַ הער, כ'ווער פּלוצלינג גאָר אַ זינגער
פֿון ווערטער דײַניקע צום גראַם.

איך טו די ווערטער דײַנע זיפּן,
איך לײַטער זיי פֿאַר אַלט און יונג:
אַז דו ליגסט שטיל, פֿאַרקלעמט די ליפּן,
פֿאַרבײַט איך דיך און ווער דײַן צונג."

מײַן טאַטע האָט דורך דורות יאָרן
אַזוי נאָך קיין מאָל ניט גערעדט,
ווי ס'וואָלט אים פּלוצלינג קלאָר געוואָרן,
וואָס מיינט דער צונאָמען פּ אָ ע ט.

מײַן טאַטע האָט די האַלבע נאַכט גערופֿן חצות

מײַן טאַטע האָט די האַלבע נאַכט גערופֿן חצות,
פֿאַר מיר איז אויך דער זעלבער חצות,
נאָר כ׳זיץ ניט ווי דער טאַטע אויף דער הוילער ערד.

איך טרינק ווי ער דעם זעלבן טיפֿן כּוס
פֿון נס און אויך פֿון עצבֿות און תּרעלה,
נאָר זיצן זיץ איך ניט אויף הוילער ערד.

איך זאָג ווי ער „והעלהו שם לעולה"
און כ׳וואַרט ווי ער מיט יצחקשער געדולד,
נאָר זיצן זיץ איך ניט אויף הוילער ערד.

איך בין מקבל שטראָף פֿאַר קיין שום שולד
ווי ער, נאָר כ׳שפּאַן אַרום צווישן ווענט
און זיץ ניט אין דער שעה פֿון חצות אויף הוילער ערד.

כ׳שטרעק אויס די הענט ווי ער, די דוכן־הענט,
אַ ביסל אַנדערש נאָר דער קנייטש פֿון מײַנע פֿינגער —
און זיצן זיץ איך ניט אויף הוילער ערד.

זײַן לעצטע עלטער איז געווען פֿון מײַנער ייִנגער,
צו דרײַסיק אָבער איז ער שוין געווען אַ זקן —
אַ זקן אין דער שעה פֿון חצות אויף הוילער ערד.

ער איז געזעסן, ווי אין תּשעה־באָבֿ, אין זאָקן
און אָפּט מאָל צוגעדעקט מיט אַש זײַן רויטן קאָפּ
און טיף דעם קאָפּ געבויגן צו דער הוילער ערד.

און מיט אַ מאָל צעזינגט ער זיך גאָר מיט אַ מזמור־טראָפּ,
די ליפּן זײַנע פֿליסטערן: „ובא לציון גואל",
נאָר זיצן בלײַבט ער זיצן אויף דער הוילער ערד.

זײַן נאָמען שאול, נאָר גערופֿן האָט אים יעדער שואל —
איז היט איך אָפּ זײַן נאָמען און זײַן תּנועה,
אַפֿילו ווען איך זיץ ניט אויף דער הוילער ערד.

איך היט אויך אָפּ זײַן אָפּטײַטשונג פֿון ווערטער,
און ווי ער האָט געפּאָרט יסורים מיט נבֿואה,
איך היט זיי אָפּ ניט זיצנדיק אויף הוילער ערד.

די זעלבע ווערטער — איין מאָל שטילער, איין מאָל העכער,
און ווען איך זאָג ניט עצבֿות, זאָג איך טרויער,
אַפֿילו ווען איך זיץ ניט אין דער נאַכט אויף הוילער ערד.

איך טרינק פֿון כּוס, וואָס איז דאָס זעלביקע וואָס בעכער,
איך טרינק מיך אָן מיט שקיעה און מיט אייביקייט פֿון דויער,
און, ווי דער טאַטע, כ׳נייג מײַן פּנים צו דער הוילער ערד.

אַ תּפֿילה אַ פּשוטע אַזאַ

ווו נעמט מען כּוחות, זאָג, צו האָבן כּוח
אויף אַלע ראַנגלענישן, גאָט,
צו פֿאַלן און צו אויפֿשטיין און אויף ס'נײַ צו האָפֿן?
דורך טויזנט וועגן בין איך שוין אַנטלאָפֿן
פֿון טויט — דורך גבֿורה, צי דורך שרעק,
צי גאָר דורך צופֿאַל.
זאָג, וויפֿל נאָך נסיונות האָט דאָס לעבן,
באַשעפֿער־האַר?

און אַז איך בין אַנטלאָפֿן שוין אַזוי פֿיל מאָל,
פֿאַרגעס איך ניט —
כּדי דעם חשבון ריכטיק פֿירן —
פֿון טויט די אַלע מינים,
פֿון טויט די אַלערלייִקע קאָלירן,
וואָס מײַנע אויגן האָבן זיי אין זיך אַרײַנגעזויגן
כּדי צו איבערשפּיגלען זיי אין דײַנע אויגן.

איך האָב געזען דעם טויט אַ שוואַרצן,
איך האָב געזען דעם טויט אַ רויטן,
איך האָב געזען דעם טויט אַ בלויען,
איך האָב געזען דעם טויט אַ העלן,
איך האָב געזען דעם טויט אַ גרויען,
איך האָב געזען דעם טויט אַ געלן,
און איבער אַלע טויטקאָלירן —
דעם ווײַסן, ווײַסן, ווײַסן.

זאָג, וויפֿל כּוחות האָט אַ מענטש צו האָבן כּוח
צו זײַן מיט דיר אַ גלײַכער שותּף
אין גאָר די זעונגען פֿון מײַנע אויגן —
אין טעג, ווען כ'האָב אַ קלאָרן חשד,
אַז דו ביסט ניט מיט מיר קיין גלײַכער צד,
ווײַל מײַן יסורים־חלק איז פֿיל גרעסער?

האָסט איין מאָל, איין מאָל נאָר פֿאַרמיטן,
אַז אויף אַ האַלדז זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן דאָס מעסער;
דער אויסשטרעק פֿון אַ יצחק־האַלדז
איז זינט מוריה
פֿאַרבליבן דער געזאַלבטער צייכן פֿון אַ ייִדן
לעולם־עולם ועד.
אַוודאי טראָג איך אים, דעם צייכן.
איך טראָג אים ווי אַ וווּנדער,
איך טראָג ווי אַ גזירה;
איך טראָג דעם וווּנדער און די גזירה
ניט באַזונדער,
איך טראָג זיי ביידע גלײַך אין איינעם.
צי האָב איך דען אַ ברירה?
אָ זאָג מיר, אַדרבא,
צי קען איך אויסקלײַבן אַן אַנדער גורל אויף להבא?

איך הער אין זיך אַ קול: ס'איז ניט אין כּבֿוד
צו אויסגיסן דאָס האַרץ פֿאַרן באַשעפֿער־האַר
אַזוי אינטימיק־פֿאַמיליאַר.
ס'איז ניט אין כּבֿוד פֿון השם.
פֿאַרענטפֿער איך זיך און איך פֿרעג:
זאָג, וויפֿל בערג מיט אומשלאָף
באַדאַרפֿן ליגן אויף אַ שוואַכער ברעם?
און וויפֿל פֿלאַמען דאַרפֿן פּראַווען יום־טובֿ
אויף איין פֿאַרפּײַניקט שטיקל לײַב?
און וויפֿל מאָל באַדאַרף אַ קאָפּ זיך שלאָגן אָן דער וואַנט
און ס'זאָל זיך אַלץ נאָך קענטיקן אויף אים אַן איבערבלײַב?

איך אָן דײַן סוד פֿון צמצום און פֿון נסתּר,
נאָר גראָד צו דיר איז צײַט אַ מאָל צו רעדן
וואָס פּשוטער, וואָס אָפֿענער און לענגער.
אין אַל דײַן זען — דערזעסטו ניט אַ מאָל,
אין אַל דײַן אומעטום זײַן — גייסטו מיר פֿאַרבײַ.
פֿאַרגיב, וואָס כ'רעד צו דיר כּמעט ווי פּראָזע.
איך רעד ניט מיט געשריי און אויך ניט מיט געבעט,

און אויך ניט מיט עניוות, און אוודאי ניט מיט העזה.
איך רעד — ווי ווערטער נעמען זיך אליין צוזאַמען
און שטעלן זיך אַליין צונויף צום גראַם
(כ׳וויל אָסור הײַנט זיי גראַמען!) —
ניט שטער זיי אָבער, כ׳בעט, באַשעפֿער־האַר,
זיי טוען עס פֿון אַלט געוווינטקייט מן־הסתם
און אפֿשר גאָר דערפֿאַר
כּדי נאָך אַלץ ניט אויפֿצודעקן
דעם גאַנצן תּהום פֿון זייער צער;
זיי ווילן, ווען אַפֿילו אין דײַן אָנגעזיכט,
נאָך אַלץ פֿאַרבלײַבן טוליען זיך צו זיך אַליין,
צו דער געוווּנדיקטער פֿאַרבאָרגנקייט פֿון זייער ליכט.
זיי ווייסן, אַז זיי וועלן זיך פֿאַר דיר אַנטפּלעקן,
זיי ווייסן אָבער ניט, צי דו וועסט היילן זייער וווּנד;
ניט זייער שולד, וואָס ווי אַ מעסער,
וואָס האָט זיך יאָ אַרײַנגעשניטן אין אַ האַלדז,
ליגט אײַנגעטונקט אין בלוט מײַן ברית מיט דיר — מײַן בונד.

מיר איז טרויעריק, גאָט

מיר איז טרויעריק, גאָט,
נאָכן אָפּגאַנג פֿון יאָרן.
מיך באַגעגנט אַ טאָג,
וואָס איך קען אים
מיט קיין זאַך ניט פּאָרן.
ער איז קורץ,
האַקט זיך איבער אין מיטן,
און ער וויל זיך צום אָוונט ניט ציִען,
און ס׳איז קיינער ניטאָ, וואָס זאָל היטן
די זעלטענע רגעס,
זיי זאָלן זיך ווי ווינט ניט צעפֿליִען.
אַ פֿרײַנד גייט פֿאַרבײַ —
צי קומט ער? צי קומט ער?
ער קומט ניט. ער גייט נאָר פֿאַרבײַ
אַ מהומהדיקער, אַ פֿאַרשטומטער.
צי איך אויס מײַנע הענט, גאָט, צו דיר,
ווי כ׳האָב קיין מאָל מײַנע הענט ניט געצויגן,
און אַ שאָרך אַז איך הער בײַ דער טיר,
טוט אַ בלענד מיט דײַן ליכט פֿאַר די אויגן.
איך שטיי בײַ דער טיר און איך בעט —
וואָס בעט איך? און וואָס דאַרף איך בעטן?
כ׳בין קראַנק פֿון צו זײַן אַ פּאָעט,
באַפֿרײַ מיך פֿונעם שׂר פֿון פּאָעטן.

מיר איז טרויעריק, גאָט!
איך זאָג עס אַפֿילו, ווען אַ צווייטער פּאָעט
האָט אַ מאָל שוין געזאָגט אָט די ווערטער.

ס׳וועט קלענער דער שפּאַן פֿון מײַן טראָט,
ווײַל איך אָנרירן, איידער ס׳וועט שפּעט,
דײַן הייליקן היגל — דאָס אָרט פֿון די ערטער.
כ׳וויל קומען און בלײַבן שוין דאָרט
אין שוץ אונטער דײַנע פֿליגל,
דײַן שוץ זאָל באַשיצן מײַן ניט באַשיצט וואָרט
און כ׳וועל רוען אין רו אויף דײַן היגל.

גערוט האָט אויף מיר

גערוט האָט אויף מיר קוים אַ שפּראָץ פֿון באַגינען
און אָנגערירט דין מײַנע אויגן מיט ליכט,
דאָס ליכט האָט געוואַנדערט, געזוכט צו געפֿינען
די גאַנצע אַלנאַכטיקייט אויף מײַן געזיכט.

געזוכט און געפֿונען, צעזייט און צעטריבן,
און ליכטיק בײַם זײַט פֿון צוקאָפּן אַנטפּלעקט
פּאַפּירלעך, וואָס איך האָב אין האַלבשלאָף פֿאַרשריבן
אין מיטן דער נאַכט און אין האַלבשלאָף פֿאַרמעקט.

איצט זוך איך צו אויפֿשטעלן גאַנץ יענע ווערטער
אין ציטערניש איבער אַ שטריך פֿון אַן אות,
אַזוי ווי אָן זיי וואָלט מײַן טאָג מײַן באַשערטער
פֿאַרבליבן פֿאַרשלאָסן ווי אונטער אַ שלאָס.

איצט זוך איך צו אויפֿדעקן ווערטער פֿאַרדעקטע,
איצט בענק איך נאָך זיי ווי נאָך גראָז אונטער שניי ;
מיר דוכט, אַז איך הער זיי, די נאַכטיק פֿאַרמעקטע,
ווי ביטער זיי קלאָגן אין טרייסטלאָזן וויי —

ווי אונטער אַ פֿוסטראָט עס קלאָגט אין צעטרעטונג
אַ לעבעדיק לײַב. — ווערט דער זין פֿון מײַן טאָג :
צו זוכן, געפֿינען און אָנטראָגן רעטונג
פֿאַר ווערטער, וואָס שטילן ניט אײַן זייער קלאָג.

אָ, שפּילט פֿאַר מיר

אָ, שפּילט פֿאַר מיר אויף אײַערע לאַנגע האַרפֿעס,
איר שאָטנס, וואָס לייגן זיך איבער דער ערד ;
אָ, נעמט מיך אַרום מיט אײַער אָוונט-ניגון,
איר אָפּפֿלוס-כוואַליעס פֿון שפּיגלדיקן ים,
איר ווײַסע מעוועס מיט די וווּנדער-פֿליגל.

אָ, שפּילט פֿאַר מיר אויף אײַערע דינע האַרפֿעס.
מײַן האַרץ איז אין אַנגסט און מײַן נשמה אין טרויער
ווי די נשמה פֿון שאולן, דער זון פֿון קיש,
דער גורל-געזאַלבטער מלך אין ישׂראל.
(די בלעטער פֿון תּנ״ך ליגן אָפֿן פֿאַר מיר.)
אָ, וואָרהאַפֿטיק — וואָס האָט מען געהאַט צו אים,
צום שלאַנקן, צום שטילן, צום ערלעכן פּאַסטעך ?
צו וואָס אים געגאָסן אייל אויפֿן קאָפּ,
דערנאָך אים פֿאַרראָטן, דערנאָך אים פֿאַרלאָזן,
דערנאָך אים געטריבן צום טויט אויף גלבוע ?
אָ, וואָס האָט געהאַט צו אים שמואל דער נבֿיא ?
און וואָס האָט געהאַט צו אים דוד בן ישי ?
און וואָס האָט געהאַט צו אים גאָט אַליין ?

אָ, נעמט מיך אַרום מיט אײַער אָוונט-ניגון,
איר שאָטנס, וואָס לייגן זיך אוים איבער דער ערד,
אָ, שפּילט פֿאַר מיר אויף אײַערע ווייכע האַרפֿעס.
איך בין ניט קיין מלך
און ניט קיין געזאַלבטער מיט אייל אויפֿן קאָפּ.
איך בין נאָר אַ פּאַסטעך, אַ זון פֿון שאולן,
כ׳האָב אַרויסגעפֿירט אַ מאָל אויף יונגע לאָנקעס,
אויף גרינע, פֿרילינגדיקע, פֿרישע לאָנקעס,
אַ סטאַדע ווײַסע שאָף — אַ סטאַדע לידער
מיט געקרײַזלטער ייִדישוואָל אויף די העלדזער ;
געשטאַנען איבער זיי און זיי פֿרידלעך געפּיטערט
און געשפּילט פֿאַר זיי אויף אַ לענגלעכן פֿײַפֿל,
געמאַכט פֿון שבֿועותדיקן דינעם אַיר.

אָ, ווען ווערט וואָלט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן דעמאָלט,
אַז כ׳וועל שפּעטער זיי אַוועקשלעפּן איבער עק-וועלט-שנייען,
דערנאָך זיי פֿאַרשלעפּן אויף בלוטיקע וועגן,
און כ׳וועל בלײַבן דערנאָך אַ פֿאַרראָטענער פּאַסטעך,
וואָס היט אַ צעריסענע סטאַדע שאָף —
אַ סטאַדע צעפֿליקטע, פֿאַרוואָגלטע לידער.

אָ, שפּילט פֿאַר מיר אויף אײַערע לאַנגע האַרפֿעס,
איר שאָטנס, וואָס לייגן זיך אוים איבער דער ערד,
אָ, נעמט מיך אַרום מיט אײַער אָוונט-ניגון.
מײַן נשמה אין טרויער און מײַן האַרץ איז קראַנק,
און מײַן קאָפּ זינקט אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
ווי דער קאָפּ פֿונעם אומשולדיק פֿאַרמשפּטן שאול,
דעם פֿאַרראָטענעם ערשטן מלך בישׂראל.

אַ קול

פֿון צו פֿיל קוקן אין תהום פֿון פּײַן
ווערן בלינד מײַנע אויגן,
איך נעם די שוואַרצאַפּלען אין זיך אַרײַן,
נאָך איידער זיי ווערן פֿאַרצויגן.

דאָס טאָגליכט שנײַדט ווי אַ שווערד,
בײַ נאַכט שטעכן די שטערן;
דערהער איך אַ קול: „פֿאַרלאָז ניט די ערד,
טוסט אייביק צו איר געהערן.

פֿאַרלאָזן פֿאַרלאָז דײַנע ווענט,
שפּאַן אַוועק, ווען אַפֿילו אַ בלינדער,
דערהערסטו געשרייען: עס ברענט!
גיי גלײַך אַנטקעגן דעם צינדער.

אין האַנט — דײַן שטעקן פֿון רו,
נעם טו אים אַרײַן אין די פֿלאַמען,
און אַליין צו דעם פֿײַער פֿאַל צו
און פֿלאַקער מיט אים צוזאַמען.

ניט שרײַ און ניט רוף מיט געבעט,
ניט זוך קיין אַנטרינונג —
האָסט ענדלעך געפֿונען דײַן פֿײַערדיק בעט,
באַגריס דײַן געפֿינונג.“

גאַנג פֿון ווײַטע שטערן

גאַנג פֿון ווײַטע שטערן — וואָס באַטײַט ער, זאָג?
— קוק אַרײַן אין הימל, ווי מען קוקט אַרײַן אין שפּיגל,
שטיי און קוק פֿאַרגאַפֿטערהייט, ווי ס'גרייט דער טאָג,
קוק און חלום, אַז אָט נעמען דיך אַרום צוויי פֿליגל.

טענה איך אין חלום: וויפֿל איז דער שיעור
נע־ונד צו זײַן, אַפֿילו ווען מיט פֿליגל?
היימיש וואָלט מיר אויסגעקוקט אַ חרובֿדיקסטע טיר
דאָרטן וווּ געשטאַנען איז אַ מאָל מײַן וויגל.

מײַנע חושים זײַנען אָנגעשפּיצט און וואַך,
נאַכט האָט מיט איר טרויער זיי געשליפֿן,
הערנערדיק צעשטראַלט זיך יעדע שטומע זאַך
און עס עפֿענען פֿאַר מיר זיך אַלע טיפֿן.

היים, אַזאַ פֿאַרקינדישטע אַלבענקשאַפֿט היים,
נעגל צו מײַן בענקשאַפֿט צו איר אַכזריקן ווינטער,
כּסלוודיקער ווינט פֿאַרקאָוועט ווענט פֿון ליים
אין אַ זאַווערוכע־לאַנד, ווײַט, ווײַט פֿון מיר אַהינטער.

כּסלוו־ווינטן קלאַפּן אין מײַן שויב אויך איצט,
כ'נעם אַרײַן אין שטוב צו זיך די ע ר ש ט ע זאַווערוכע;
כ'היט, די פֿליגל אירע זאָלן זײַן געשיצט,
כ'היט איר שטורעם, ווען אַליין באַגער איך שוין מנוחה.

לאַנגע פּאַלמעצווײַגן

די לאַנגע פּאַלמעצווײַגן וויגן זיך אין ווייכן ווינט
ווי אין דער צײַט פֿון דוכנען כּוהנימשע הענט.
די זון פֿאַרגייט. איר לעצטע פֿלאַמיקייט צעברענט,
אַרומגעקרײַזט מיט ראָז, ביז אויך דאָס ראָז צערינט
אין דורכזיכטיקן גרין. און אויך דאָס גרין פֿאַרשווינדט
אין אָפּגעזעצטער בלויקייט. דעמאָלט, זע, געגענט
דער וואַלד מיט הענט צו מיר. זיי האָבן מיך דערקענט —
די לאַנגע דוכן־הענט. איעדע רירט מיך אָן און צינדט
פֿאַר מיר אין טיפֿן בלוי אַ שטערן נאָך אַ שטערן.
איך שטיי אַ דורכגענומענער מיט פֿאַרכטיקייט און פֿרעג:
צי קומט מיר גאָר אַזוי פֿיל שטערן? — דעמאָלט לאָזט זיך הערן
אַ קול: אַ שׂכר דיר פֿאַר דער קליינער צאָל פֿון דײַנע טעג.

די פּאַלמעצווײַגן אָטעמען דעם קול אין מיר אַרײַן
און נאָכדעם שלאָפֿן זיי פֿאַרוויגטע געטלעך אײַן.

דער ים שרײַט אַרויף

דער ים שרײַט אַרויף פֿון די תּהומיקע טיפֿן,
אַ רויטע לבֿנה פֿאַרבלוטיקט די וואַסערן,
די ים־גלעקער וויגן זיך, וואָרענען, מסרן
פֿאַרבײַיִקע נאַכטיק־כימערישע שיפֿן.

אַ זעונג באַפֿאַלט מיך: דאָרט שווימען, דאָרט קומען
מײַן טאַטע, מײַן מאַמע — די לעצטע איהומענער,
מײַן ברודער, מײַן שוועסטער אָט ערשט אומגעקומענע,
די הענט אָנגעפֿילטע מיט אַש פֿון איהומען.

פֿון דעק פֿון די שיפֿן זיי רופֿן מײַן נאָמען.
זיי ווייסן, אַז איך בין פֿון די נאָך פֿאַרבליבענע,
וואָס האָט זייער טויט מיט זײַן לעבן פֿאַרבונדן.

איך שפּרייט אויס די הענט צו די כוואַליקע תּהומען.
איך ענטפֿער, איך רוף. מיט אַ מאָל — אַלץ פֿאַרשוווּנדן.
איך האַלט אין די הענט נאָר פּאַפּירלעך פֿאַרשריבענע.

די זעלבע לבֿנה

אין אַ נאָוועגע דערזע איך די לבֿנה,
ווי זי קריכט אַרויס פֿון צווישן יונגע צווײַגן.
וואָס זשע זאָגט זי מיר, די אַלטע, די שאַבלאָנע?
אַז איך זאָל ווי זי אַלץ זען און — שווײַגן.

איז פֿאַר מיר איר שווײַגן אויך שוין אַ רוטינע.
נעכטן האָב איך זי געזען אין שאַרפֿן האָרן,
הײַנט איז זי די זעלבע שאַרפֿע, דינע —
איך אַליין בין אויך ניט אַנדערש הײַנט געוואָרן.

סײַ ווי סײַ איז גוט צו זען דאָס וועלדל בליִען,
ווי די צווײַגן פֿלאַטערן אין בליִונג שיטער
און ווי די לבֿנה טוט זיך צו דעם וועלדל ציִען —
און צוביידן זיי כ׳קען זײַן אַ דריטער.

ניט פֿאַראַן מער וואָס צו זאָגן דער לבֿנה
נאָכן אָנמעסטן אויף זיך איר שאַרפֿן האָרן —
אויסער דאַנקען פֿאַר איר נאַכטיקער מתּנה,
וואָס ווי זי כ׳בין זילבערווײַס געוואָרן.

אפֿשר שאַפֿט זי אין די הייכן ערגעץ ווערטער
שפּאָגל נײַע פֿאַר די אַלט־אַלטע מאַרשרוטן,
אפֿשר וועל איך זײַן אַ מאָל נאָך דער באַשערטער
צו דערהערן זיי אין נײַערע מינוטן.

ווינטערווײַס

די ביימער די וואַלדיקע ציטערן, ציטערן.
דער ווינט לאָזט דעם שניי זיי ניט צודעקן. נאַכט.
דער ווינט שטילט זיך אײַן. קומט אַרויס ווי אַ היטערין
די פֿולע לבֿנה אין בלענדווײַסן טראַכט.

די צווײַגן די נאַקעטע פֿלאַטערן, פֿלאַטערן,
די היטערין נעמט זיי ווי אין אָרעמס אַרײַן,
זי זאָגט זיי צו רו אָן חלומות וואָס מאַטערן
און גיט פֿון איר ווײַסקייט אַ שלאָפֿטרונק זיי אײַן.

די ביימער די וואַלדיקע שלומערן, שלומערן,
די היטערין שיצט זיי און חלומט פֿאַר זיי
דעם חלום דעם זיסן, אַז באַלד נעמט שוין זומערן,
אַ סימן, אַ טוי ליגט זיך אויס אויפֿן שניי.

די היטערין הייבט זיך אָן זעגענען, זעגענען,
זי שטראַלט פֿון זיך אויס ביזן לעצטן שפּור ווײַס,
זי וועקט אויף דעם וואַלד, ער זאָל גרייט זײַן באַגעגענען
דאָס בלוי, ווו די מאָרגנזון הייבט אָן איר קרײַז.

חסד

חסד טוט מיט מיר דײַן שטילער נאָמען,
איך נעם אָן דאָס גוטס וואָס דו ביסט דאָ,
הײַנט ווען מײַנע נעכט זײַנען ווי תּהומען,
ווו איך קען פֿאַרזינקען יעדע שעה.

חכמה וואָלט באַדאַרפֿט מיך שוין באַזינען,
נאַכט וואָלט שוין באַדאַרפֿט מיר געבן רו,
נעם איך אין דער מיטן נאַכט גאָר שפּינען
נײַ־חלומות, וואָס באַשייד פֿאַר זיי ביסטו.

הערן הער איך שטענדיק דײַנע ווערטער,
נאָר ניט שטענדיק ענטפֿער איך אויף זיי;
חלום מײַיִקער פֿאַרבלומיקט יענע ערטער,
וואָס פֿאַרקאָוועט האָט זיי לאַנג שוין כּולו שניי.

חסד איז די ליכטיקסטע מתּנה,
זינג די מיטנאַכט־שעה אין זיך אַרײַן,
זינג דאָס אַלטגעזאַנג מיט נײַ־כּוונה,
וויס, אַז דו וועסט זײַן, וועל איך אויך זײַן.

חשבון

א

חשבון, קום מיט דײַנע קלוגע ציפֿער,
רעכן אויך אַרײַן מײַן שאָטן אויף דער וואַנט,
נאָכדעם לאָז זיך פֿרײַ אַוועק — אַ שטיפֿער,
האַלטנדיק סך־הכּל־צייכנס אין דער האַנט.

האַלבע נאַכט איז ראוי פֿאַר די ציפֿער,
נאַכט איז קליגער שטענדיק פֿאַרן טאָג;
כ׳זאָג עס ווי אַ תּפֿילה־טרייסט און טיפֿער
ציט מיך אין דעם חצות אַרײַן דער זאָג.

חושך נאַכטיקער דערשרעקט ניט מײַנע אויגן
נאָך דעם ווי דער טאָג איז פֿלאַקערדיק אַוועק
וואָגלען הינטער בערג און מיט אַ רעגן־בויגן
אויסגעצירט די מערבֿ־זײַט פֿון ברעג ביז ברעג.

אַלע מאָל באַטײַט אַ רעגן־בויגן,
אַז עס קומט אָן פֿרידן לויטער ריין,
פֿינקלט נאָך זײַן פֿאַרביקייט פֿאַר מײַנע אויגן,
ווינקענדיק צו מיר: די נאַכט ביסטו אַליין.

נאַכט בין איך? אָ, וואָס זאָל עס באַטײַטן?
אליהו, גוטער נבֿיא, קלאַפּ אָן אין מײַן טיר
און מײַן חלום פֿון די קינדיש ווײַטע צײַטן
שפּרייט אויס איבער מיר דורך דײַן באַריר.

ב

נעם, מײַן פֿרײַנד, אין האַנט פּאַפּיר אַ בויגן,
חשבון אויף די צאָל פֿון אַלע אָוונט־שטערן,
חשבון אויף אויך אַלע נעכט, וואָס אונדזערע אויגן
האָבן צוגעזען, ווי זיי צעלויכטן ווערן.

מאַך אַ חשבון אויך פֿון נעכט, ווען דיקע כמאַרעס
האָבן צוגעדעקט דעם הימל מיט דער ערד צוזאַמען,
און אויך אונדז — צעוואַלגערטע ווי אויף טורמע־נאַרעס
אַרעסטאַנטן הינטער שלעסער, הינטער צאַמען.

וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ חשבון אַ געמאַכטער?
ער פֿאַרמאָגט אין זיך די שיינע חכמה פֿון סך־הכּל.
קאָנסט אַפּילו מיט אַ ברעם מיט אַ פֿאַרמאַכטער
דורכגיין ווידער יענע נעכט אָן מינדסטן וואַקל.

נעכט פֿון כמאַרעס ליגן הינטער נעכט פֿון שטערן
און זיי לויערן ניט, ווען דאָס האַרץ איז פֿרײַ פֿון שרעקן.
צייל די שטערן. זייער צאָל זאָל מערן זיך און מערן.
טענה ניט, אַז דו אַליין ווילסט זיי פֿאַרמעקן.

יעדער שטערן קאָן געטרײַ זײַן דײַן באַגלייטער,
קאָן דיך אָנרירן ווי פֿינגער דינע, ווײַסע,
ווי ס'וואָלט דיך אָנגערירט אַ מענטש אַ צווייטער —
יענער צווייטער וואָס אין חלום פֿון אַ וווּנדער־מעשׂה.

צי הערסטו דאָס וואָרט?

זרובבֿלען

צי הערסטו דאָס וואָרט, וואָס ווערט פּלוצלינג פֿאַרטרויט
נאָך יאָרן פֿון שטילקייט, נאָך יאָרן פֿון שווײַגן?
צי זעסטו סוף נאַכט, ווי באַגינען־ליכט בלויט
אויף שטורעם־צעטרייסלטע האַרבסטיקע צווײַגן?

דאָס פֿרעג איך, ווײַל זע — מיט אַ רגע צוריק
האָב איך ניט גערעכנט זיך די שטילקייט צו וועקן;
איצט זע איך אין חלום, ווי אויגן פֿון גליק
אין תּהומיקע קנייטשן אַ יונגקייט אַנטפּלעקן.

פֿון ווײַט און פֿון נאָענט זע — צוויי פֿריידיקע הענט,
זיי שטרעקן אויס ברידערלעך וואַרעמע פֿינגער,
זיי נעמען פֿונאַנדער מחיצהשע ווענט,
און האַרביקע אַלטקייט ווערט גרינג און ווערט גרינגער.

דאָס פֿרעג איך אַפּילו ווען חלום פֿאַרגייט
און ס'קערט זיך די וואָר אום צוריק מיט איר האַרטקייט,
בײַ ווידערפֿאַרריגלטע ווענט ליגט די פֿרייד
און וואַרט אויף אַ האַנט אַ געבענטשטער מיט צאַרטקייט.

אַ געבעט

כ׳האָב ניט געזינדיקט, אָבער כ׳נעם אויף זיך אַ קנס,
איך לאָד זיך אָן מיט אויסטערלישע יאָכן:
מיט קרומקייטן פֿון אייגענע און מיט שׂונאימס האַס —
סײַ פֿרײַנד סײַ שׂונאים זאָלן האָבן איבער מיר נצחון.

און מיך אַליין מער לאָקט ניט קיין שום זיג,
מישטיינס געזאָגט אַ קרוין, וואָס ווערט סײַ ווי אַ דאָרן.
אַ מאָל נאָך לאָקט מיך אַ באַגער צו ראַטעווען מײַן וויג
פֿון אײַנגעזונקען ווערן אינעם ים פֿון יאָרן.

איך שפּרייט אויס מײַנע הענט צו אָנכאַפּן די וויג
און איך פֿאַרגיי זיך ווי אַ ים־פֿויגל אין שטורעם:
מײַן גאָט, ביסט אייניציקער וואָס אייביקט מיך אָן קריג,
פֿאַרוואַנדל מיך צוריק אין אורשטאָף פֿאַר דײַן פֿורעם.

באַפֿרײַ מיך פֿון דעם אַבֿרימדיקן דזשאָנגל, גאָט,
פֿון יעדער לאַנגער און פֿון יעדער קורצער ספּאַזמע,
פֿון אַלע צובונדן און אָנבונדן, פֿון יעדן שפּאַן און טראָט,
אָ, ברענג מיך צו דעם אור־אור פֿון דער פּראָטאָפּלאַזמע.

אין ים לעשט זיך אויס דער מערבֿ־פֿלאַם

אין ים לעשט זיך אויס דער מערבֿ־פֿלאַם,
דער ים צי די זון — ווער איז עלטער?
ער איז קאַלט צו מיר, דער נאַכטיקער ים,
און איך צו אים — נאָך קעלטער.

אַ שיף גייט פֿאַרבײַ. אַ פֿײַף באַגריסט:
סאַלוט צו דער פֿאָן פֿון מרחקים!
דערהער איך אַ קול: זײַ דאָ ווו דו ביסט!
אַ קול — אַ געבעט ממעמקים.

אַ פֿרייד, אַזאַ קול זאָל ווערן דערהערט,
ווען שטורמיקע כוואַליע פֿאַרטייבט אים.
דאָס זינגט אויף אַ שטיינדל זײַן דאַנק צו דער ערד,
צום זיכערן זאַמד, וואָס דערהייבט אים.

אַ לויב דעם באַשעפֿער, וואָס ברענגט און דערלאַנגט
מנוחה צו שטיינדלעך און זעמדער,
אַ לויב פֿון אַ מענטשן, וואָס אַכפּערט און דאַנקט
פֿאַר ז ײַ ן אויף דער ערד ניט קיין פֿרעמדער.

נאַכטלאַנד

טריט פֿאַרגייען הינטערן פֿענצטער
אין דעם נאַכטלאַנד אומבאַקאַנט ;
מיר אין צווייען, און דער דריטער —
אונדזער שאָטן אויף דער וואַנט.

אין דערוואַרטונג וואָרט צו הערן
האָרכט דער שאָטן אין זײַן ריי.
אויף די שויבן בלענדן שטערן
פֿון אַ ניט־דערוואַרטן שניי.

וואָרט פֿון ווערטער ווערט געבאָרן
אויף די ליפּן פֿון אונדז צוויי.
ווײַסער שאָטן, ווײַס פֿון יאָרן,
בלענדט נאָך ווײַסער פֿונעם שניי.

אַן אויפֿשריפֿט: צו—

איך האָב אַוועקגעשטעלט אַן אויפֿשריפֿט : צו —
צו וועמען? ווער באַוועגט מײַן האַנט?
עס קאָן זײַן ער, עס קאָן זײַן דו,
און אפֿשר גאָר מײַן שאָטן אויף דער וואַנט.

און אפֿשר גאָר אַ סתם אַבסטראַקט,
אַ דוכטעניש פֿון אַ פֿאַרדעקטער וואָר.
אַ מענטש? אַ זאַך? אַ טרוים? אַ פֿאַקט?
צי עמעץ ניט פֿון ד ע ר וועלט גאָר?

איך עפֿן אויף דעם גאַנצן קוואַל
פֿון מײַן זכּרון — שטראָם נאָך שטראָם,
און מיט אַ מאָל איך טו אַ פֿאַל
און זינק אין אים ווי אין אַ תּהום.

און אין דעם תּהום מיך כאַפּט אַרום
אַ קול און קלעפּט זיך צו מיר צו,
און איך, אין פּחד פֿול, ווער שטום
און פֿרעג ניט : וועמענס קול ביסטו.

אַ רגע אײַן, אַ רגע אויס
אין אָט דער פֿאַלנדיקער רו.
אַז כ'קום פֿון זינקעניש אַרויס,
איז אַלץ נאָך דאָ די אויפֿשריפֿט : צו —

אין דײַן שטילקייט

דו ליגסט אין דײַן שטילקייט —
קומען אַלע דיר אָפּגעבן כּבֿוד,
מען זאָגט דײַנע לידער
צוזאַמען מיט מזמור לדוד.

מען רעדט צו דײַן שטילקייט,
וואָס טראָגט זיך אַרום ווי אַ ניגון,
געזאַנג פֿון געזאַנגען,
געזאַנג צו דער וויג פֿון די וויגן.

מען זינגט צו דײַן שטילקייט
אַזוי ווי מען זינגט צום באַשעפֿער.
ער איז אייביק דער וועקער
און אייביקער נאָך — דער פֿאַרשלעפֿער.

געזאַנג צום פֿאַרשלעפֿער —
אַ מזמור צום אייביקן וועקער
ביז וואַנען עס זינגט אָפּ איר ניגון
די איידעלע האַנט פֿון פֿאַרדעקער.

הילט מיך אײַן אין יום־טובֿדיקייט

הילט מיך אײַן אין יום־טובֿדיקייט, ברידער,
זאָל אַרײַנשווימען מײַן טאָג אין אָוונטבלוי פֿון טעג,
ווי עס שווימט אַרײַן אַ שיף, וואָס בײַ איר רודער
עפֿנט פֿרײַ דער קאַפּיטאַן די סודות פֿון זײַן וועג.

זאָגט דער קאַפּיטאַן: מײַן ליבגעזאַנג צו אַלע זונען,
אויך מײַן ליבגעזאַנג צום שטילן, בלויען אָוונטברעג,
כ׳וואַרף מײַן בליק צו אַלע אָפּגאַנגען פֿון מײַנע טעג —
אפֿשר האָב איך גאָר מײַן וועג ביז הײַנט נאָך ניט געפֿונען.

נעם, מײַן האַרץ, און ווער פֿאַר זיך אַליין אַנטפּלעקט,
זע, ווי ס׳האָט די אָוונטבלויקייט מיך אַרומגענומען.
זע, ווי שנעל די נאַכט האָט מיט איר דעקטוך מיך פֿאַרדעקט —
אפֿשר, אפֿשר האָב איך איצטער גראָד מײַן וועג געפֿונען.

ניט קיין ענגער פּרוזדור איז פֿאַר מיר די ערד;
אין שפּיטאָל אַפֿילו, צי אונטער די בייזע קנאַלן
פֿון אַ תּפֿיסה־קנוט, צי גאָר אונטערן שאַרף פֿון שווערד —
ניט קיין ענגער פּרוזדור, נאָר אַ וווּנדער פֿון גאָטס זאַלן.

הילט מיך אײַן דעריבער אין דער יום־טובֿדיקייט, ברידער,
וואַרט ניט, ביז די שעה פֿון שטויביקייט זאָל שלאָגן,
נעמט אויף אײַער צונג איין וואָרט, איין אות פֿון מײַנע לידער,
און איך וועל מײַן דאַנק, מײַן אָוונטדאַנק אײַך זאָגן.

איך זאָג ניט

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ דורכפֿאַל,
איך זאָג נאָר, אַז אַ שטורעמווינט ברעכט אײַן
דעם שטאַרקסטן עפּלבוים און זײַנע עפּל
פֿאַרנעמט דער שומר אין אַ קאָרב אַרײַן.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ טעות,
איך זאָג נאָר, אַז אַ גייער אויף אַ שטריק
אַריבער טיפֿע תּהומען גייט און זינגט זיך,
ווי אונטער זײַנע פֿיס וואָלט זײַן אַ בריק.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ חלום,
איך זאָג נאָר, אַז אַ רײַטער אויף אַ פֿערד
רײַט דורך די גאַנצע וועלט און קומט צו רײַטן
צוריק ווו ס'שטייט זײַן וויגל אויף דער ערד.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז פֿאַרגאַנגען,
איך זאָג נאָר, אַז די זון פֿאַרזינקט אין ים —
אַ קײַלעכדיקער שקיעהדיקער פֿײַער,
וואָס צינדט נאָך אָן דעם מערבֿ מיט אַ פֿלאַם.

אַ חלום אַזאַ

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז
כ'האָב אָנגעשריבן ס'קלענסטע ליד
פֿון עטלעכע נאָר קורצע שורות,
ניט לענגער פֿון אַן עפּיטאַף,
און אויפֿגעהאַנגען עס ווי אַ שומר־שלאָס
איבער אַלע מײַנע לידער.

גייט יעדערער פֿאַרבײַ,
טוט לײַכט אַ טרייסל מיטן שלאָס
אַזוי זיך, פֿון יוצא וועגן,
און גייט זיך ווײַטער מיט זײַן וועג.
ער גיט אַפֿילו ניט קיין פֿרעג:
וואָס היט דער הענגענדיקער שלאָס?

דער שלאָס — דאָס קלענסטע ליד
פֿון עטלעכע נאָר קורצע שורות,
ניט לענגער פֿון אַן עפּיטאַף —
טוט יעדעס מאָל אַ ציטער,
נאָך יעדנס האַנטבאַריר,

און וואַרט, דערוואַרט זיך קוים
אויף רו פֿון טיפֿער נאַכט,
ווען קיינער גייט ניט מער פֿאַרבײַ.

ערשט דעמאָלט קום איך אָן אַליין;
איך גיי פֿאַרבײַ דעם שלאָס,
וואָס איך אַליין האָב אויפֿגעהאַנגען.

איך זאָג ניט

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ דורכפֿאַל,
איך זאָג נאָר, אַז אַ שטורעמווינט ברעכט אײַן
דעם שטאַרקסטן עפּלבוים און זײַנע עפּל
פֿאַרנעמט דער שומר אין אַ קאָרב אַרײַן.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ טעות,
איך זאָג נאָר, אַז אַ גייער אויף אַ שטריק
אַריבער טיפֿע תּהומען גייט און זינגט זיך,
ווי אונטער זײַנע פֿיס וואָלט זײַן אַ בריק.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז אַ חלום,
איך זאָג נאָר, אַז אַ רײַטער אויף אַ פֿערד
רײַט דורך די גאַנצע וועלט און קומט צו רײַטן
צוריק ווו ס'שטייט זײַן וויגל אויף דער ערד.

איך זאָג ניט, אַז מײַן לעבן איז פֿאַרגאַנגען,
איך זאָג נאָר, אַז די זון פֿאַרזינקט אין ים —
אַ קײַלעכדיקער שקיעהדיקער פֿײַער,
וואָס צינדט נאָך אָן דעם מערבֿ מיט אַ פֿלאַם.

אַ חלום אַזאַ

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז
כ'האָב אָנגעשריבן ס'קלענסטע ליד
פֿון עטלעכע נאָר קורצע שורות,
ניט לענגער פֿון אַן עפּיטאַף,
און אויפֿגעהאַנגען עס ווי אַ שומר־שלאָס
איבער אַלע מײַנע לידער.

גייט יעדערער פֿאַרבײַ,
טוט לײַכט אַ טרייסל מיטן שלאָס
אַזוי זיך, פֿון יוצא וועגן,
און גייט זיך ווײַטער מיט זײַן וועג.
ער גיט אַפֿילו ניט קיין פֿרעג:
וואָס היט דער הענגענדיקער שלאָס?

דער שלאָס — דאָס קלענסטע ליד
פֿון עטלעכע נאָר קורצע שורות,
ניט לענגער פֿון אַן עפּיטאַף —
טוט יעדעם מאָל אַ ציטער,
נאָך יעדנס האַנטבאַריר,

און וואַרט, דערוואַרט זיך קוים
אויף רו פֿון טיפֿער נאַכט,
ווען קיינער גייט ניט מער פֿאַרבײַ.

ערשט דעמאָלט קום איך אָן אַליין;
איך גיי פֿאַרבײַ דעם שלאָס,
וואָס איך אַליין האָב אויפֿגעהאַנגען.

איך שטעל זיך אָפּ און קוק
אַזוי אַ פֿון דער ווײַטנס
און יישובֿ זיך: אַ ריר טאָן יאָ,
אַ ריר טאָן ניט דעם הענגענדיקן שלאָס,
וואָס איך אַליין האָב אויפֿגעהאַנגען?

איך שטיי אַ רגע, צוויי און אפֿשר דרײַ,
און כ'גיב זיך מיט אַ מאָל אַ ריס פֿון אָרט
און כ'יאָג אַוועק, אַוועק, אַוועק.

דיאַלאָג

— שוין לאַנג, שוין לאַנג פֿאַרגעסן,
ווי מיר זײַנען געזעסן
אין שאָטן פֿון אַ בוים.

— ווען?

— כ'דערמאָן אַליין זיך קוים.
די צײַט ליגט אויסגעלאָשן,
דאָס וואָרט, אָן מאַמע־לשון,
פֿאַריתומט וואָגלט אום.

— שוין בעסער שווײַגן שטום.

— דאָס שווײַגן טוט ערשט וויי.

— צי איז נאָך וווּ פֿאַראַן
אַן אָרט, וווּ יעדער, פֿרוי צי מאַן,
טראָגט ניט קיין ליבשאַפֿט דיר ווי גאָטס געשאַנק?

— מײַן האַרץ איז פֿול מיט דאַנק.
אַליין אָבער בין איך
ווי אָדם בײַ דעם טויער פֿון גן־עדן,
וואָס האַלט אַרײַנגעקלעמט די הענט
אין טויער, נישט צו וועלן זיך צעשיידן.
איך בין ווי ערשט באַשאַפֿן,
ווי ערשט געשטאַלט באַקומען
און ניגון אויף מײַן גומען,
און דאָך בין איך, ווי כ'וואָלט געווען
פֿאַרמשפּט שוין פֿון וועלטן צען —

— אויף וואָס?

— צו שטומען.

מוזיק

דער ים שטילט אײַן זײַן שטורעם,
זײַן כוואַליע פֿאַלט צוריק,
די ווײַסע מעוועס שפּילן
פֿאַרנאַכטיקע מוזיק.

באַווײַזט זיך די לבֿנה
אַ האַלבע, און איר בליק
אין חלום וועגן פֿולקייט
פֿאַרגייט זיך אין מוזיק.

זי וועבט פֿון אירע שטראַלן
אין ים אַ זילבערבריק
פֿאַר דעם וואָס לאָזט זיך שפּאַנען
מיט נאַכטיקער מוזיק.

ער שפּאַנט איבער די כוואַליעס,
פֿאַרכאַפּט פֿון ווײַסן גליק,
ער טראָגט געזאַנג פֿון בשׂורות —
האַלבנאַכטיקע מוזיק.

איך קוק אים נאָך מיט בענקשאַפֿט
און שיק צו אים און שיק
אַ וואָרט, איך אויך זאָל ווערן
מגולגל אין מוזיק.

איך לאָז צו אים זיך שפּאַנען
און קוק ניט מער צוריק,
איך טרוי אים אָן מײַן ניגון —
סוף־נאַכטיקע מוזיק.

צום אייביקן

א

מיט אַן אויסגעשטרעקטער וואָרענענדיקער האַנט
וואַקסטו אויס מיר אַנטקעגן,
שפּאַרסט מיך צו צו דער וואַנט,
איך זאָל קיין זאַך ניט קאָנען פֿרעגן.

מײַן גאַנצע חכמה צערינט,
מײַן ווייסן ווערט ווי שטויב אין ווינט צעטריבן,
כ׳פֿאַרליר יעדן שנור, וואָס פֿאַרבינדט
מײַן לעבן מיטן ליד וואָס איך וואָלט נאָך געשריבן.

דער אָנריר אָבער פֿון דײַן האַנט אַליין
נעמט מיך דורך ווי מיט פֿײַערשטראָמען
און כ׳פֿיבער נאָך אַרויס דורך האַלב פֿאַרקלעמטע ציין
אַ ווידוי־בענקשאַפֿט נאָכן נצח פֿון דײַן נאָמען.

ב

מזלות לויערן אויף מיר — מײַנע און ניט־מײַנע,
נ י ט ־ מ ײַ נ ע הויערן אויף מיר נאָך שווערער;
כ׳וואָלט טענהן, איך וואָלט געקאָנט, די טענה:
פֿאַר וואָס זאָלן נ י ט־מײַנע פּײַניקן נאָך מערער?

כ׳וואָלט פֿרעגן: פֿאַר וואָס שלאָגט דעם ברעג דער ים
און פֿאַר וואָס פֿאַרזינקט ער אומשולדיקע שיפֿן?
ווען כ׳וואָלט זײַן ניט מער נאָר ווי אַ פֿרעגער סתּם
און ניט קיין מיטזינקער אין די אָפּגרונטיקע טיפֿן.

נאָך אַלע סך־הכּלען

נאָך אַלע סך־הכּלען, מײַן פֿרײַנד,
קער איך זיך אום צום ערשטן פֿאַרזוך,
באַריר מיט אַ לויטערער האַנט
דעם שער־בלאַט פֿון ערשטן בוך.

די ווערטער זײַנען געווען יונג,
און ווײַס זײַנען זיי געווען ווי שניי,
דערנאָך איז געקומען ס׳געמיש
פֿון רויטן און פֿון שוואַרצן וויי.

ניט וווּנדער זיך און ווער ניט געפּלעפֿט,
פֿאַרשטיי גוט פֿון שינוי דאָס ליכט,
גיב אַ קוק, ווי ס׳ווערט פּלוצלינג באַהעפֿט
מיט בלוי פֿון פֿאַרטאָג דײַן געזיכט.

אַז דער חשבון איז אונטערגעפֿירט,
אַז דער ריינער סך־הכּל איז דאָ,
הייב אָן צו באַשאַפֿן אויף ס׳נײַ
די וועלט, וואָס איז מער ניטאָ.

די אָןמ׳ט זיבן שטערן



אין שפּיגל פֿון ים

אין שפּיגל פֿון ים
טו איך אָרײַן מײַן פּנים,
ווען דער מערבֿ־פֿלאַם
פֿאַרגייט, ווערט פֿאַרלאָרן.

כ'שפּרייט אויס מײַנע הענט
צו אַן אויפֿגאַנג אַ נײַעם —
די לבֿנה, צעבלענדט,
ווערט אין בלויקייט געבאָרן.

זי שטעלט אַן אויף מיר
אירע גרויסע צוויי אויגן,
און כ'שפּיר איר באַריר
אויפֿן שלייף פֿון מײַן שטערן.

זי שווימט מיט מיר מיט —
די צעשטראַלטע לבֿנה,
באַלויכט און באַהיט
זיבן ייִדישע שטערן.

זיבן שטערן פֿאַרוים
אויפֿן דגל ישׂראל,
זיי לייזן זיך אויס
פֿון דער פּײַן פֿון בהלות.

די ייִדישע פֿאָן
מיט די שטערן די זיבן —
זיי צייכענען אָן
נײַעם גאַנג פֿון מזלות.

ירושלים און חיפֿה

ירושלים און חיפֿה
אויף בערגיקע טרעפּ
ווי זאַנגען ווי רײַפֿע
פֿאַרנייגן די קעפּ.

דער שׂר פֿון יסורים
געמאַכט האָט זיי קלוג
צו זאָגן צום שטורעם:
דערווײַל איז גענוג.

זאָל האַנט פֿון גאולה,
פֿון חסד און הוד
אין הויפֿנס אין פֿולע
אונדז אָנטראָגן פֿרייד.

ביז וואַנען מיר וועלן
אין זיך זײַן פֿאַרטאָן —
בײַ אונדזערע שוועלן
די שטערן צינד אָן.

און איך, אײַער אורח,
מיט וועלט־גורל זאַט,
איך ברענג אַנשטאָט ווײַרעך
אַן עפּלבוים־בלאַט,

אַ לידבלאַט באַשיידן,
וואָס כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט
אין גיהנום־גן־עדן
פֿון גאָט, מענטש און וואָרט.

ירושלים, אויגוסט, 1957

אויף דײַן ערד, ירושלים

אויף דײַן ערד, ירושלים,
איז מיר גוט צו שווײַגן,
כ׳עפֿן אויף פֿאַר מײַנע ווערטער
אַלע זייערע שטײַגן.
כ׳לאָז זיי אַרויס
אויף פֿולער פֿרײַהייט
מיט דאַנק און מיט לויב
פֿאַר זייער זעלטענער געטרײַהייט.

איך באַפֿרײַ זיי און איך זאָג:
איבער אַלע בערג אַרום,
איבער אַלע היגלען פֿון ירושלים
פֿליט אײַך פֿונאַנדער, מײַנע טײַערע,
קלײַבט אײַך אויס די הייליקסטע ערטער,
ווײַל זיי זײַנען אַלע אײַערע,
און רוט אויף זיי, רוט.
און מיך לאָזט איבער אַליין
מיט מײַן חלום וואָס איך חלום
צו זײַן כאָטש איין מינוט
מיט זיך אין פֿולן שלום.

אויף דײַן ערד, ירושלים,
גאָלדיקט די שטילקייט בײַ טאָג,
בלויט די שטילקייט בײַ נאַכט,
גיב איך מיט אַ מאָל צו זיך אַ זאָג:
אָט דאָ איז געשטאַנען ישעיה?
טאַקע דאָ? —
די נאַכטיקע רגע די געטרײַע
ענטפֿערט אָפּ: יאָ. יאָ.

נעם איך רופֿן אַ געפּלעפֿטער מײַנע ווערטער:
קומט צוריק פֿון אײַערע ערטער,
קומט צוריק, קומט צוריק,
מײַנע געטרײַע —
העלפֿט מיר אויסשווײַגן דאָס גליק
צו שטיין אויף דער ערד, ווו ס'איז געשטאַנען ישעיה.

מײַן פּנים צו אַ שטיין האָב איך צוגעלייגט

צו אַ שטיין האָב איך צוגעלייגט מײַן פּנים,
צו אַ שפּיציק גראַניטענעם שטיין,
כ'האָב געוואָלט אין אים עפּעס דערקאָנען,
נאָר וואָס, איז ניט קלאָר מיר אַליין.

אַ גראַניט אויף די בערג פֿון ירושלים.
און אַרום האָבן ייִדן געפֿלאַנצט
גאַנצע וועלדער, די בערג צו באַנײַען,
און דערבײַ האָבן קינדער געטאַנצט.

דער טאַנץ ציטערט דורך מײַנע ביינער,
כ'בין מקנא די קינדערשע טריט.
זיי טאַנצן, און איך — צערטל שטיינער,
און איך — גלעט אַ קאַלטן גראַניט.

איך לייג צו צום שטיין מײַנע ליפּן
און כ'ווייס ניט אַליין צוליב וואָס;
צי וואַרט איך, עס זאָל זיך פֿאַרקניפּן
צווישן אונדז אַזאַ נס פֿון אַן אות

פֿון די ערשטע צעבראָכענע לוחות,
וואָס דער מדבר אַליין האָט פֿאַרהיט —
צי גלייב איך אַליין, אַז איך זוך עס
אָט דאָ אויפֿן קאַלטן גראַניט?

איך וואַרט. יאָ, איך וואַרט צו דערהערן
אַ קול, אויך אַ פֿלאַם צו דערזען.
איך וואַרט ביזן אויפֿגאַנג פֿון שטערן,
ווען אַפֿילו ס׳טוט גאָרנישט געשען.

זיי קומען, די שטערן. זיי קומען.
און יעדער פֿון זיי לויכט און היט
דאָס טיפֿע פֿאַרבאָרגענע שטומען
פֿון העכסטן און קלענסטן גראַניט.

נסיון

איך האָב מורא געקראָגן,
אַז דער מלאך פֿון ליד
זאָל ניט האָבן צעשלאָגן
מײַן וואָרט, גאָט באַהיט;

ער זאָל זײַנע גענאָדן
ניט אָפּטאָן פֿון מיר
גראָד דאָ אויפֿן באָדן
פֿון ירושלים העיר.

האָט אַ ווינט מיך גענומען
און געטאָן מיך אַ טראָג
צווישן דערנער און בלומען,
ווען ניט נאַכט און ניט טאָג,

און פֿאַרזאָגט, איך זאָל ליגן
מיטן פּנים אַראָפּ,
ווען אַ רויז וועט צעוויגן
אויף מײַן נאַקן איר קאָפּ;

און פֿאַרזאָגט מײַנע בליקן
צו קוקן אַרויף,
ווען אַ דאָרן וועט פֿליקן
מיט די שטעכערס מײַן גוף;

און כ׳זאָל קיינעם ניט פֿרעגן
וואָס די פּאָרונג באַטײַט.
כ׳האָב געפֿאָלגט און געלעגן
ווי אויף יענער זײַט צײַט.

אַפֿשר טעג, אַפֿשר וואָכן,
אַפֿשר פֿרי, אַפֿשר שפּעט —
פֿון די דערנער געשטאָכן,
פֿון די רויזן געגלעט.

האָט דער ווינט מיך גענומען
און צוריק מיך געבראַכט
פֿון די דערנער און בלומען
צו דעם טאָג, צו דער נאַכט.

מיט אַ פּנים געשוואָלן
און צעשטאָכן אויף קרום,
מיט אַ האַרץ אָנגעקוואָלן
פֿול מיט ריחות פֿון בלום.

און אַ קול האָט געזונגען:
דאָס האָב א י ך אַלץ געפּאָרט,
דײַנע מוראס באַצוווּנגען,
איך — דײַן מלאך פֿון וואָרט.

ירושלים, שפּיטאַל „זיוו", אויגוסט, 1957

מײַנע טרויערס בליִען

מײַנע אַנגסטן גייען אויף,
מײַנע טרויערס בליִען,
איבער די וועגן פֿון מײַן גוף
פֿײַער־קאַראַוואַנען זיך ציִען.

מײַנע אבֿרים האַלטן אויס,
אַפֿילו ווען זיי פֿאַלן צוזאַמען,
זיי שלאָגן פֿון זיך אַרויס
כאַמסינישע פֿלאַמען.

מדבר ווערט מײַן גוף,
מדבר און העלישער דאָרן.
גאָט שאַלט אויס אין אים זײַן רוף,
קולות פֿון רחמים און צאָרן.

כ'שלאָף איין. כ'וועק זיך אויף.
אַן אויסגעלײַטערטער מדבר־שטורעם.
גאָט פֿורעמט ווידער מײַן גוף
אין זײַן נײַעם פֿײַערדיקן פֿורעם.

ירושלים, „זיוו"

אַז וווּיל

אַ, ווער קען זיך גלײַכן צו דיר ?
ווער ניט ? — איעדער.
עס שרײַט די קראַנקע טיר
ווי אַ גוף אונטער רעדער.

און מער נאָך שרײַט די טיר
ווי אַ גוף אונטער מעסער.
מײַן שכן, וואָס ליגט לעבן מיר,
ווייס מערער, ווייס בעסער.

אין טיף פון האַלבער נאַכט,
אין איר סאַמע מיטן,
ווערט מײַן שכן אַרײַנגעבראַכט,
אין זײַן גאַנצער לענג צעשניטן.

די טיר שרײַט, ניט ער,
ער ליגט אין אַ טראַנס אין אַ נײַעם,
און אין דרויסן — הער, הער ! —
זאָגט תהלים ירושלים :

אַשרי — אַז וווּיל, אַז וווּיל
דעם מענטש וואָס איז ניט געגאַנגען
אין דרך פון רשעים — אַז וווּיל —
און פון לצים ניט געלאָזט זיך פאַנגען.

אַז וווּיל, שכן, שלאָף.
ס'וועט טאָגן באַלד, ס'וועט טאָגן.
אַז וווּיל — „בוקר טוב"
די גוטע שוועסטער וועט זאָגן.

אויף אירע צוויי יונגע הענט
וועט זי ברענגען דעם טאָג דעם נײַעם,
אַז וווּיל — זי האָט דיך דערקענט,
די טאָכטער פון ירושלים.

ירושלים, „זיוו"

נאַכטליד אין ירושלימער שפּיטאָל

די קראַנקן-שוועסטער רעדט צו אַ חולה
האַלב עבֿרית, האַלב יִידיש:

תּקום, תּקום,
חבֿיבֿי —
אין שום, אין שום
דבֿר.
די שרעק פֿאַרבײַ,
חבֿיבֿי,
פֿאַרבײַ אויך די געפֿאַר.

ראשך תּרים,
תּרים —
דערהער,
פֿאַרנעם מײַן שטים,
חבֿיבֿי,
בא,
למעלה בא.
אַחת-שתּים.
דו זעסט — כ׳בין דאָ.
כ׳בין איינע פֿון ירושלים.

און איצט —
ראשך תּריד,
תּריד.
אַזוי.
ביסט מיד.
בסדר.
כּך.
אַיעדער מענטש
ווערט שוואַך,

ווערט מיד.
אַיעדער.
כּך.
בסדר.

מה יש? מה יש?
מוכרח אַתּה לישון.
פֿאַרלעש דאָס ליכט,
פֿאַרלעש.
דײַן שעה פֿון רו קומט אָן,
חבֿיבֿי.
לילה טובֿ —
שלאָף אײַן
און שלאָף,
שלאָף אײַן
און שלאָף.

טראָפּנס וואַסער

אין טראָפּנס — די גאָרע ישועה,
זיי טריפֿן דיר אונטערן הויט.
טריפֿט, טריפֿט מיט דער טרייסט פֿון רפֿואה.
דער ערבֿ־באַגינען שוין בלויט.

איך זע אים אַהינטער די שויבן,
איך זע אים מיט אַ ווונק פֿון אַ ברעם;
נעם מיט זיך באַגינען צו גלייבן,
אַז ס'טריפֿט אין דיר כּוח־השם.

אַפֿריִער קומט בראַנדיקער פֿײַער
און ברענט דורך דײַן הויט און דײַן ביין,
דײַן גומען — אַ טרוקענער זײַער,
צעשפּאַלט דיר די צונג און די ציין.

ערשט דעמאָלט, בײַם פֿײַער צוקאָפּן,
גייט אויף ווי אַ קוואַליקער נס
אַ קרוג, וואָס טריפֿט טראָפּן נאָך טראָפּן
אין לײַב דיר אַ גאַנצן מעת־לעת.

באַגינען ברענגט גראַדן און שאָלן
צו וועגן דײַן גאַנצן מהות,
די טראָפּנס ווי זונען־קרישטאָלן,
זיי ברענגען פֿון גאָט דיר אַ גרוס.

איך זע קלאָר־קלאָר

איך זע קלאָר־קלאָר:
אַפֿילו אויפֿן קראַנקנבעט
וועט, באַשעפֿער, צו דײַן וואָר
נאָך אַלץ עפּעס צושאַפֿן דער פּאָעט.
איך זע קלאָר־קלאָר.

ביז דער לעצטער מינוט
וועט טריפֿן אין אים דאָס וואָרט,
ווי עס טריפֿט אין אים דאָס בלוט
ביז דער לעצטער מינוט.

געטרוי אים — דעם פּאָעט
מיט דער צוגעמאַכטער ברעם
אויפֿן גורלדיקן בעט;
קום צו צו אים און נעם
פֿון זײַנע פֿינגער אַרויס
דאָס נאָך וואַרעמע פּאַפּיר
מיט פֿאַרשריבענע צייכנס צו דיר.
וואָס שטייט אין דעם פּאַפּיר?
אַ וואָרט — ניט דערזאָגט, ניט דערשעדט,
און דאָס איז די באַשערטקייט אַליין
מיט איר אייגענעם פֿאַרבאָרגענעם מיין;
אַ וואָרט — ניט דערזאָגט, ניט דערדעדט.
געטרוי אים — דעם פּאָעט.

היטער פֿון ליכטיקע װערטער

פֿאַר אַבֿרהם סוצקעװער

די ליכטיק־גראַניטענע שפּיצן
באַגריסן דײַן ליכטיקן טרויער;
אַ ליכטיקע האַנט טוט פֿאַרקריצן
דײַן טרויער אויף ליכטיקן דויער.

װער איז ער דער ליכטיקער קריצער,
װאָס צירקלט אויף ליכטיקע ערטער,
דער ליכטיקער היטער און שיצער
פֿון ייִדישע ליכטיקע װערטער?

ער בענטשט דיך מיט ליכטיקע ליפּן
און פֿיבערט מיט ליכטיקע פֿינגער
און זיפּט דורך ליכטיקע זיפּן
דעם קומער פֿון ליכטיקע זינגער.

ער שפּאַנט איבער ליכטיקע זאַמדן
און בענטשט יעדן ליכטיקן בויער,
װאָס קומט אויף בײַם ליכטיקן לאַנדן
אין האַפֿן פֿון ליכטיקן דויער.

חיפֿה, סעפּטעמבער, 1957

אויפֿן כּרמל

אויפֿן קײַלעכדיקן רוקן פֿונעם הר־הכּרמל
חלומט זיך מיר, אַז איך גיי אַרום
אין שעה פֿון מיטנאַכט — אַ לבֿנה־שפּאַנער.
אָט שטעל איך מײַנע טריט זיגזאַגיש־קרום,
און אָט — אין אַ געמאָסטן גלײַכער שורה;
אָט דוכט מיר, אַז איך הער אַ שטיל געװײן,
און אָט — אַ קול פֿון שטורעמדיקער גבֿורה,
און אָט —
גאָר איך אַליין װער קול און בעט:
געטרײַער גאָט,
דערבאַרעמדיקער, קום אַרונטער, קום אַראָפּ
און ריר נאָר אָן מײַן אַלטן קאָפּ,
קוים־קוים ריר אָן,
ריר אָן און גאָרניט מער,
און טאַקע גאָרניט מער.

ניט נעם מיך װי אליהון
צו דײַן הימלהייך אַרויף,
נאָר לאָז מיך איבער אין מײַן קליינעם שׂכר
אויפֿן רוקן פֿונעם כּרמל־הר,
צו טראָגן נאָר אין שטילקייט דײַן באַריר —
קוים־קוים־באַריר און גאָרניט מער,
און טאַקע גאָרניט מער.

דו הערסט — איך בעט:
כ׳בין ניט קיין נבֿיא, נאָר אַ ייִד־פּאָעט,
װאָס זוכט דײַן גוטן, ניט צעכּעסטן אליהו
אין איינעם מיט זײַן טאָרבע, אָנגעפּאַקט מיט חסדים,
מיט װאַרעמע, גוטהאַרציקע גענאָדים.
איך זוך אים אויפֿן כּרמל — אויף זײַן הר.
דערבאַרעמדיקער, שטראָף מיך ניט דערפֿאַר.

און ווי איך רעד אַזוי,
באַווײַזט ער זיך — דער גוטער,
דער גוטער, דער געטרײַער אליהו,
באַווײַזט זיך מיט דער טאָרבע אויף זײַן פּלייצע,
ער נעמט אַרויס אַ לחם-ברויט
און שנײַדט מיר אָפּ אַ מוציא.
ער גיט זי מיר און זאָגט: נאַ נעם, פֿאַרזוך,
און לאָמיר נאָך אַ מאָל זיך זען אין פֿריידן.
איך נעם און איך פֿאַרזוך און — טעם גן-עדן!
און אַלע שטערן ווערן איבער מיר צעצונדן.
די אויגן מײַנע ווערן דורכגעפֿײַערט בלענדיק-ווײַס
און זעען ניט אין העלן בלענד,
ווי ער, דער גוטער אליהו, ווערט פֿאַרשוווּנדן.

איך פֿאַל צו מיטן פּנים צו דעם כּרמלס רוקן,
איך פּרעס צו מײַנע ליפּן צו אַ שטיין,
און ווידער ווער איך קול אַליין,
וואָס זאָגט צום אייבנדיקן ווײַסן פֿײַער:
אַ דאַנק, דערבאַרעמדיקער און געטרײַער.

שאַקאַל-געוויין אין שטילקייט

אין מיטן דער נאַכט — אַ געוויין ווי פֿון קינדער,
דערנאָך אַ געקריץ, אַ געוואָי, אַ געבים
פֿון אַ חיהשער וועלט פֿון אַ הונגעריק-בלינדער,
וואָס נישטערט און זוכט מיט אָנצאָליקע פּים.

אַ קינדערש געוויין טוט מיט צער דיך באַפֿאַלן,
דער צער גייט גלײַך איבער אין גרויליקן קלעם.
דאָס וויינען ניט קינדער, דאָס וואָיען שאַקאַלן
און שטעכן דורך שפּיזיק דײַן נאַכטיקע ברעם.

אָט ברעכן זיי דוכט זיך אַדורך דײַנע טירן,
אָט שפּאַרן זיי דוכט זיך אַרײַן זייער שנוק
אין שויב דיר; דו ליגסט, מיט קיין האַנט ניט צו רירן,
פֿאַרכאַפּט פֿון לבֿנהס אַ טויטלעכן קוק.

אַ לענגלעכער שנוק, אַ פֿאַרשפּיציקטע מאָרדע,
אַן איבערגעגלוטיקטער פּיסק כּולו ציין;
אַ פּיסק פֿון אַ גאַנצער בלוטדאָרשטיקער האָרדע,
וואָס ציט פֿון גדערעם אַרויס אַ געוויין.

ווי קומט צו אַ חיה אַ מענטשנס געוויין?
איך ווייס, מײַנע רייד זײַנען לאַנג שוין ניט נײַע.
צי איז ניט דער פּיסק פֿון דער אַלוועלט אַליין,
וואָס שפּאַרט אין מײַן שויב אירע ציין פֿון אַ חיה?

אַרײַן איז אין וועמען אַ גלגול? — די נאַכט
דרייט פּלוצלינג אַלץ איבער, קערט איבער די שעהען;
כ'פֿאַל צו מיט אַ מאָל, ווי אויף ס'נײַ אויפֿגעוואַכט,
צום ראַנד פֿון פֿאַרטאָג, וואָס לויכט אויף מיט חזיון.

ווי איינער וואָס גייט דורך דעם גיהנום אַליין
און פֿאַלט צו צום ליכטוועג, וואָס פֿירט צום גן־עדן,
אַזוי פֿאַל איך צו, נאָך שאַקאַלן־געוויין,
צו ערבֿ־טאָג־מילדקייט, וואָס טוט אַזוי ריידן:

געטרייסט זייַ, געטרייסט, ניט אין ליאַרעם איז גאָט,
נאָך מערער איז גאָט ניט פֿאַראַן אין געוואַיען;

נאָך טריט פֿון שאַקאַל הער אַן אַנדער מין טראָט —
דעם טראָט פֿונעם נבֿיא פֿון שטילקייט־חזיון.

אָט דאָ אויפֿן כּרמל איז לאַנג שוין געשען —
נאָך אויפֿרייַס פֿון שטורעמס, נאָך רעשיקער ווילדקייט
האָט נבֿיא אליהו גאָטס אמת דערזען
אין קול דממה דקה, אין דין־דינער שטילקייט.

איך נעם אויף דעם אמת, איך נעם אויף די טרייסט
אין ווייַס־בלויען אָנקום פֿון ערבֿ־טאָג־שטראַלן,
כ׳בין טועם דעם טעם, וואָס עס מיינט זייַן דערלייזט
פֿון קראַנקן צעקרימטן געוואָי פֿון שאַקאַלן.

חיפֿה, כּרמל

צופּוסנס פֿון כּרמל

צופּוסנס פֿון ים — אַ בלוי־זילבערנע צונג,
צופּוסנס פֿון כּרמל בייַם ברעג ים־התּיכון;
כ׳בין נאַכטוואַנדלער הייַנט און ניט־דאָיִק יונג־יונג:
צום באַרגשפּיץ צו לאָזן זיך קלעטערן־קריכן.

די פֿולע לבֿנה איר ווייַסקייט צעפּלייצט,
צעפּלייצט און פֿאַרפּלייצט ווי אויף בלינד מיר די אויגן.
איך שטרויכל, פֿון שיינקייט געררייצט און צערייצט,
און אָט אויף אַ שטיינפֿלאַך איך ליג אויסגעצויגן.

איך בין ניט בכּוח צו גרייכן דעם שפּיץ,
באַנוגן איך זיך מיט אַן אונטערשטן היגל.
דער שפּיגל פֿון ים מיט אַ מאָל גיט אַ בליץ
און זע — ס׳איז מייַן אייגענער נאַכטיקער שפּיגל.

איך נידער און טאָק מייַן געשטאַלט אינעם ים,
און אויף מייַנע אַקסלען איך טראָג די לבֿנה:
אַ קרוג פֿון פֿאַרקילטן ווייַס־זילבערנעם פֿלאַם —
דעם כּרמלס ברייטהאַרציקע גוטע מתּנה.

וואָס ליגט אינעם קרוג? אַ פֿאַרחלומטער ווינט,
אויך אים טונק איך אָפּ אין דעם ימיקן שפּיגל,
ווען ערגעץ אַ שויב אויפֿן באַרג זיך צעצינדט
און ערגעץ צעוויינט זיך אַ קינד אין אַ וויגל.

איז נעם איך דאָס קינד אויך אין זילבערנעם קרוג
און שלעפֿער עם אײַן מיטן נאַכטווינט צוזאַמען,
דער כּרמל האָט שטילקייטן איבער גענוג
אַ קינד אײַנצווויגן אָן הילף פֿון אַ מאַמען.

אָט ליג איך — דער וואַנדלער. איך וואַנדל ניט מער
אין אָנקום פֿון שלווה, אין שעה פֿון נחמה,
איך ליג — מיט קיין גליד ניט קיין ריר, ניט קיין קער,
פֿון שיינקייט פֿאַרכאַפּט ביז יציאת-נשמה.

חיפֿה, כּרמל

שטיל אויף די בערג אויף די כּרמלשע

שטיל אויף די בערג אויף די כּרמלשע,
אין שלום דער שטיין מיטן דאָרן,
מיט זיי — אויך דער בוים דער גרינצווײַגיקער
איז שלומדיק-היימיש געוואָרן.

ער שפּרייט זײַנע וואָרצלען די דאָרשטיקע
דורך ענגע זיגזאַגישע שפּאַלטן
צו קוואַלן, צו שטראָמען פֿון וואַסערן,
וואָס ליגן טיף-פֿעלדזיק באַהאַלטן.

דער בוים איז שוין מער ניט קיין איינציקער,
ער וואַלדיקט זיך, מערט זיך און שפּרייט זיך;
דער דאָרן בייגט אײַן זײַנע נאָדלשטעך
צום בוימשאָטן, שמייכלט און פֿרייט זיך.

צו זען, ווי עס שמייכלט אַ דאָרנבוש,
איז ווונדער, איז זעלטענער ווונדער,
אַזוי אויך — ווען פֿעלדזשטיינער שפּיציקע,
אין גראָז באַקליידט, ווערן רונדער.

זיי אַלע מיט שׂמחה באַגעגענען
דעם אָנקום פֿון מאַרמאָר און ציגל,
וואָס ווערן באַלקאָניק און פֿענצטערדיק
מיט שויבן צום ימיקן שפּיגל.

דער ים גלעט די זאַמדפּים די כּרמלשע
און רונצלט די ברעגיקע פֿלאַכן
און וואַרט מיט געדולד אויף דער אָוונט־שעה,
ווען כּוכבֿי־שמים דערוואַכן

צו אָנצינדן נאָך אַ מאָל, נאָך אַ מאָל
דעם צייכן פֿון זאַמד און פֿון שטערן,
דעם צוזאָג פֿון גאָט צו אַבֿרהמען,
ווי שטערן און זאַמד זיך צו מערן.

די זון נידערט רויִק־מנוחהדיק,
פֿאַרגייט אין תּפֿארת פֿון ספֿערן,
אַז גלײַך איבער בערג איבער כּרמלשע
זאָל אויפֿגיין דער ברית מיט די שטערן.

חיפֿה, כּרמל

דאָס האַרץ פֿון דער נאַכט

כ׳ריר אָן מיט די פֿינגער דאָס האַרץ פֿון דער נאַכט,
ווען כ׳טו אינעם כּרמל אַרײַן מײַנע אויגן,
דאָס האַרץ איז אָן אָפּנם, ווערט קיין מאָל פֿאַרמאַכט,
עס ווערט נאָר אַ מאָל מיט אַ בלויליכט פֿאַרצויגן.

עס לויטערט מײַן בענקשאַפֿט צו זען די נאַטור
אין אויפֿשניט פֿון אירע אַלשטראָמיקע גלידער,
און הויך אויפֿן כּרמל, אין שפּור פֿון אור־אור,
איך טראָג צו אַ הייל מײַנע טאָליקע לידער.

איך טראָג זיי צום הייל, צו באַהאַלטן זיי דאָרט,
און דורות־גראַניט זאָל דערנאָך זיי פֿאַרפּרעסן,
אין שיכטן פֿון שטיין זאָל פֿאַרבלײַבן מײַן וואָרט,
ווען איך, דער פֿון הײַנט, וועט שוין לאַנג זײַן פֿאַרגעסן.

אין פֿינף צי אין צען טויזנט יאָרן פֿון הײַנט
כ׳וועל קומען צום זעלביקן הײלגראַניט ווידער —
צום זעלביקן כּרמל, מיט בלויליכט באַשײַנט,
און אָנרירן מײַנע פֿאַרשטיינערטע לידער.

חיפֿה, כּרמל

אליהו הנבֿיאס הייל

אַרומגעכאַפּט מיט נאַכט און מיט שטילקייט,
צו זיך אַליין נעם איך ריידן און דערצייל:
כ'האָב געזען אַליין מיט די אויגן
אליהו הנבֿיאס טיפֿע הייל

אויף אַ משופּע זײַט פֿונעם כּרמל,
בײַ אַן אויסבייג צום סאַמע ים —
אין דער שעה, ווען די זון אין מערבֿ
איז פֿאַרגאַנגען אין איר פֿײַערפֿלאַם.

די זון האָט גענידערט און געזונקען
אין זעלביקן ים אַרײַן
און די נאַכט האָט פֿונאַנדערגעגאָסן
איר שפּע פֿון זילבערנער שײַן.

די הייל, זע איך, שפּרייט זיך פֿונאַנדער
אַזוי ברייט ווי בײַ טאָג און נאָך מער,
און ווי ווײַט איך בין ניט פֿונעם כּרמל,
אַן אָפּהילך פֿון טריט איך דערהער.

יעדער טראָט דערגייט צו מײַן אויער
אַלץ נעענטער און ווייכער, און כ'הער
אַחוץ טריט אויך אַ הויך פֿון אַן אָטעם
און מײַן ליפּ הייבט אָן פֿליסטערן: ע ר.

און איך זע אין דער בלענדיקער ווײַסקייט,
ווי עס שלײַכט זיך פֿאַרבײַ זײַן געשטאַלט,
ווי ער טראָגט זיך, אַ מונטערער זקן,
און ווי ס'פּאַסט אים, דעם נבֿיא, זײַן אַלט.

איך גיי נאָך אים נאָך מיט די אויגן
און איך זע: ער בלײַבט שטיין אָנגעלענט
אַן אַ פֿעלדז אויפֿן העכסטן שפּיץ כּרמל
און דערנאָך שטרעקט ער אויס זײַנע הענט,

זײַנע הענט ווי בײַ בענטשן אַ בענטשונג,
און ער בענטשט אַלץ אַרום און אַרום,
און ער לאָזט זיך דערנאָך באַרג אַרונטער,
און ער קערט צו זײַן נאַכטהייל זיך אום.

איך גיי נאָך אים נאָך מיט די אויגן
און איך מעסט זײַנע טריט און איך צייל,
ביז ער גיסט זיך צונויף מיט דער ווײַסקייט,
וואָס די נאַכט שטראַלט אַרײַן אין זײַן הייל.

כ׳האָב שרײַען דיך געהערט

כ׳האָב שרײַען דיך געהערט דורך טויזנט־טויזנט ווערטער,
בין איך דורך זיי געוואָרן שטום, גאָר שטום.
איך ווייס ניט, ווער פֿון אונדז איז מערער אַ דערהערטער
און וועמענס אָרעמס נעמען אונדז אַ מאָל אַרום.

איך קײַקל זיך ווי דו אין מדבר־דיקע זאַמדן
און איך פֿאַרשטויב מיט זיי די אויגן גלײַך ווי דו ;
און אַנדערע, איך זע, אויף אָט די זאַמדן לאַנדן
מיט וווּנדער־גליקלעכקייט און פֿאַלן צו זיי צו.

בין איך די גליקלעכע מקנא מיט דער גרעסטער קנאה.
זיי נעמען אויף די זאַמדן ווי אַ גאָב פֿון גאָט.
איך זע אַ סך פֿון זיי : מיט פֿינגער ווײַסע, דינע,
זיי צייכענען אין זאַמד אַ צייכן פֿאַר אַ נײַער שטאָט.

איך בענטש זיי מיט אַ שטילקייט פֿון פֿאַרמאַכטע ליפּן,
און דו באַגעגנסט זיי מיט וויכערדיקן שטורעמווינט ;
זײַ וויסן איינס : דער מזל וועט אונדז ביידן גלײַך פֿאַרקניפּן,
אין רינג פֿון דורותדיקע ייחוס־קייטן אונדז פֿאַרבינדט.

ליד צו ענייוות

זײַן האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערבֿ —
יהודה הלוים עלעגישע ווערטער ;
פֿון יענע טעג אָן ציט דעם מערבֿ צום מזרח,
זאָל דוכטן אַ חתן, וואָס זוכט זײַן באַגערטע.

ער זוכט און געפֿינט זי. זי גייט אים אַנטקעגן,
באַגלייט פֿון אַ פֿידל און זוניקע טאַצן,
און פּלוצלינג — אַ האַנט גיט אַ שלײַדער די פֿידל
און איינע נאָך איינע די סטרונעס צעפּלאַצן.

און באַלד אומגעריכט טוט אַ בלענד פֿאַר די אויגן
די שווערד די גן־עדנשע פֿלאַמיק, צווייִשאַרפֿיק ;
און נאָך אומגעריכטער אַ האַנט טוט אַ ציטער
און דין־ווײַסע פֿינגער צעשפּילן זיך האַרפֿיק.

און גלײַך נאָך דער האַרף — אַ געליאַרעם פֿון טרובעס
און ס׳רײַסן זיך אויף זיבן־פּויקיקע תּהומען,
דער חתן פֿאַלט צו צו די טריט פֿון דער כּלה
און שלינגט אײַן די שײַן פֿון איר ליכטיקן נאָמען.

די כּלה, אין פּחד, צעשפּרייט אירע אָרעמס,
זי וויל עפּעס זאָגן, געפֿינט קוים די ווערטער,
זי בענקט נאָך דער פֿידל, וואָס גייט אויס אָן סטרונעס
אויף שטיין און אין זאַמד, ווו עס קניט איר באַשערטער.

זי זאָגט מיט געפֿליסטער : אויף וועגן פֿון ציון,
אויף בערג פֿון יהודה, מײַן פֿרײַנד, זײַ באַשיידן,
האַלט אײַן אַלע פּויקן, אַפֿילו דײַן אָטעם,
בײַם קומען צוריק צום פֿאַרלאָזטן גן־עדן.

פֿאַרגעס ניט אָן יאָרן פֿון וויסטע פֿאַרראַטן,
פֿון וועלפֿישע אָנפֿאַלן מיך צו פֿאַרצוקן,
פֿאַרגעס ניט מײַן צער צוליב אייגענע ווײַטע,
וואָס זײַנען געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן.

צו אויפֿשטעלן ווידער די פּראַכט פֿון בית־דוד
זאָל קומען איעדער. אַוודאי, קומט אַלע.
נאָר היט דאָס עניוות און יראת־הכּבֿוד
פֿון זינגער פֿון „ציון הלא תשאלי״.

אַ דיאַלאָג אַזאַ

ס'איז מײַן וועלטזאַק אַן איבערגעפּאַקטער
מיט טרויער און קראַנק בין איך, קראַנק ;

— כ'האָב אַן אויסלייז פֿאַר דיר : ווער אַ טראַקטאָר — — — —
קומט אויסטערליש אויף אַ געדאַנק.

מײַן וועג ליגט אויף שטיק אַ צעהאַקטער,
און אָט ווערט ער טונקל, פֿאַרגייט ;

— גיי זע, ווי זיך קײַקלט דער טראַקטאָר
איבערן נגבֿ און ער אַקערט און זייט.

צו שפּעט מיר צו שטײַגן אַ געוואַגטער
איבער שפּיציקע ציין פֿון דער צײַט ;

— גיי זע, ווי עס הייבט זיך דער טראַקטאָר,
צווישן דערנער אַ וועג ווי ער שנײַדט.

כ'בין פֿאַרמשפּט אויף בלוט־לײַב־כאַראַקטער :
אויף מידקייט, אויף אַלטקייט, אויף וויי ;

— גיי זע, ווי עס רוט אָפּ דער טראַקטאָר
בײַ אַ בערגל פֿון פֿרישן היי.

כ'בין געגליכן צו אַן עלנטן אייבאַקטער,
וואָס האָט ניט געשפּילט ווו צו זײַן ;

— גיי זע, ווי עס וואַכט אויף דער טראַקטאָר,
ווי ער רעדערט אין באַגינען אַרײַן.

חיפה

אַ צווייטער דיאַלאָג אַזאַ

„ס'איז אמת, ערשט דו ביסט אַ יורד,
דו רעדסט שיינע רייד פֿון דערלייזער,
דו רעדסט און ביסט האַלב נאָר מקיים.״
— ניט רוף מיך אָן יורד, נאָר חוזר.

„קיין חילוק ניט: קומען... צוריקגיין...
פֿאַרבענקט נאָך אַמעריקעס האַפֿן;
ירושלים די נאָך ניט געבויטע
הערט אוים דיינע רייד און טוט גאַפֿן.

דיין טאַטע וואָלט אַנדערש געטענהט.
אַזוי וואָלט געטענהט דיין טאַטע:
דו זוכסט ירושלים של מעלה?
בוי אויף ירושלים של מטה.״

— איך טראַכט וועגן יהודה הלוין,
ער קומט מיר ניט איין מאָל צו חלום.
— „צו וואָס גאָר דערמאָנען זיין נאָמען
אומזיסט פֿאַר אומזיסטע משלים?

צי האָט ער געזונגען זיין ווייליד,
דו זאָלסט זיינע ו ו ע ר ט ע ר נאָר אַרבן?
דערמאָן זיך זיין צופֿאַלן קושן
די הייליקע ערד ביז צום שטאַרבן.

דיין טאַטע וואָלט ווידער געטענהט
נאָך פשוטער: קום לעת-עתה —
אַנטפלעק ירושלים של מעלה,
וווּ ס'לויכט ירושלים של מטה.״

איך זוך ניט קיין אַנטרינונג

ניין, כ'בין ניט קיין זייטיקער — מעגסט וויסן.
ניט די פֿרייד און אויך ניט די יסורים,
ניט די רו און ניט דעם אומרו-שטורעם
זוך איך ווען מיט גלייכגילט צו פֿאַרזיסן.

כ'זוך ניט קיין אַנטרינונג אויך פֿון ריסן
צו אַנטלויפֿן אין אַ נזירדיקן טורעם,
כ'גיי ניט פֿרעגן ניט ביים תּומים ניט ביים אורים,
ווי צו שטילן דאָס געשריי פֿון מיין געוויסן.

זיבן, זיבן מאָל איך שאַף זיך איבער,
איידער איך ווער ראוי צו זיין צייטיק
פֿאַר דער רגע, צו זיין גאַנץ מיט מיין געוויסן;
זע איך איצט, ווי כ'ווער פֿאַרכאַפּט אין פֿיבער
נאָר דערפֿאַר, ווייל כ'ווער ניט קיין מאָל זייטיק,
און — איך ליג צעוווּנדיקט אויף אַ באַרג מיט ריסן.

אויפֿן ים

אַזוי פֿיל וואַסער ווי האָט גאָט גענומען?
איך פֿרעג אַזוינס, וואָס נאָר אַ קינד קאָן פֿרעגן.
און ווי האָט ער גענומען אַזאַ מולד אַזאַ קרומען,
וואָס צייכנט אויפֿן אָקעאַן געדרייטע זילבערוועגן?

אַזוי פֿיל שטערן ווי האָט גאָט גענומען?
אין איין מינוט דערוויזן מחנותווײַז זיי ברענגען,
און וואָלקן-פֿעדעמער, וואָס ווערן צוגעשווומען
צו דער לבֿנהס ראַנד און בלײַבן אויף איר הענגען.

אַזוי פֿיל תּאווה ווי האָט גאָט גענומען
צו אויפֿרייצן אַזוי פֿיל אומשולדיקע תּהומען,
אַ הויך געטאָן און — זייער אומשולד בײַגעקומען,
זיי אַלע צו באַפֿרוכפּערן מיט זײַנע זאָמען?

אַזוי פֿיל ווערטער ווי האָט גאָט גענומען?
דאָס סאַמע האַרץ פֿון שטילקייט אויפֿגעריסן
און אָפּגעהעפֿט אויך מ ײַ ן צונג פֿונעם גומען,
כ׳זאָל טאָרן פֿרעגן וואָס איך טאָר ניט וויסן.

אַזוי פֿיל נאַכטווײַס ווי האָט גאָט גענומען
און אויסגעשפּרייט אי לענגוועגן אי קרײַזן,
און דוכטן זאָל זיך מיר, אַז ער אַליין וועט אָט-אָט קומען
און נעמען איבער אַלע זילבערוועגן שפּרײַזן.

טריט פֿון משיחן

עס שרײַבט אַ פֿרײַנד מיר אין אַ קורצן בריוו:
„ביז אָוונט אַרבעט איך בײַ וואַסעררערן,
פֿון אָוונט ביזן העלן מאָרגנשטערן
אַ זעלנער בין איך אין דער שוץ פֿון תּל-אָבֿיבֿ.“

די ווערטער ברענען זיך טיף-טיף אַרײַן
אין מיר, איך זע באַשײַמפּערלעך, ווי ס׳ווערן
צונויפֿגעוואָקסן: פֿרײַנד און שוץ און שטערן,
און כ׳זאָג צו זיך: באַדאַרפֿסט הײַנט ד אָ ר ט ן זײַן.

און ווי איך זאָג אַזוי, דערהער איך טריט,
דערנאָך — אַ קנאַל, דערנאָך — אַ פֿײַערשניט,
ווי ס׳וואָלטן זיך באַגעגנט פֿײַערשערן.

איך שטיי פֿאַרגאַפֿט. אין גאַסן — שאַ און שטיל,
ניו יאָרק שלאָפֿט שטאַרק אין בלויען אײַנגעהיל,
ווען ד אָ ר ט ן בליצט מײַן ברודערס מאָרגנשטערן.

בשורהדיק

אזוי בשורהדיק דאָס קלינגען פֿון זייגער,
ווען אַלץ אין דער נאַכט שווייַגט און שטומט,
ווי איך וואָלט הערן די טריט פֿון משיחן,
וואָס דערבאַרעמט זיך און קומט.

די ווייַזערס ווערן וווּנדער-ווייַזער,
דער קלונג פֿון די שעהען — אַ נס,
אַן אָנזאָג פֿון אַ גאולהדיק לעבן
פֿאַר דעם מאָרגנדיקן מעת-לעת.

מיט דער פֿרייד פֿון צעקלונגענע שעהען
צעזמרט זיך משיחס טראָט,
ער צינדט אָן די פֿאַרלאָשענע רגעס
מיטן וואַרעמען פֿייַער פֿון גאָט.

גאָט אַליין איז הייַנט ניט אין הימל,
נאָר אונטן אויף אַ בערגל ערד,
ווו עס ליגט אַ צעווווּנדיקטע פּאַלמע
מיט די בלעטער אַריבערגעקערט.

גאָט אַליין ברענגט די האַנט פֿון משיחן
צו דעם ווייַנענדיקן בערגל ערד,
אַז אויך שאָרכן פֿון צעווווּנדיקטע בלעטער
זאָלן ווערן ווי אַ זמר דערהערט.

אַז אויך איך ליג ווי אַן איבערגעקערטער
מיטן פּנים געווענדט צו דער וואַנט —
נעם איך אויף דאָס קלינגען פֿון זייגער
ווי אַן אמתן גלעט פֿון גאָטס האַנט.

ג

דער דור ביים תהום



דער דור בײַם תּהום

דער דור בײַם תּהום פֿון דער הײַנטיקער וועלט
האָט אַ פּנים, וואָס ניט צו דערקענען:
אין זײַנע שוואַרצאַפּלען גאַזאויוונס ברענען,
זײַנע ליפּן — פֿאַרקרימט ביז צום נאַקן,
זײַן שטערן בלוטיקט אונטערן צייכן פֿון קין,
און פֿלעקיקע גלוטן גליִען אויף זײַנע באַקן
און שרײַען
מיט אַ שרײַעניש ווי ניט פֿון דאַנען:
פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף? פֿון וואַנען?

זײַנע אייגענע ליפּן ענטפֿערן גרימיק
אַ מאָל דורך אַ וואָרט,
אַ מאָל דורך צעשוימטער מימיק:
נעם אײַן דײַן צעפֿיבערטן רעיון,
אַפּילו ווען טויט־פּחד נעמט דיך אַרום,
שוין בעסער אין גאַנצן זײַ שטום,
איידער נאָכאַנאַנדיק צו שרײַען
אונטערן וווּנדיקן צייכן פֿון קין.

צו וועמען דען שרײַסטו? צו גאָט?
אָבער גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דיר,
פֿון דיר — פֿון זײַן בחיר־היצור —
און דיך איבערגעלאָזט צו דער הפֿקר־נאַטור,
אין איר ליידיקייט אַרײַן זאָלסטו שרײַען
מיט דײַן שרײַעניש ווי ניט פֿון דאַנען:
„פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף? פֿון וואַנען?"
און גאָט זאָל אַפּילו ניט אָפּרופֿן זיך
און קיין מאָל אַפּילו ניט פֿרעגן דיך מער:
אָ, ווּ איז דײַן ברודער, קין?

אַ פֿלאַקערדיקער אות

דו צאָלסט נאָך אַלץ דײַן צוזאָג מיר ניט אָפּ,
דו צאָלסט ניט אָפּ און מאָנסט נאָך שׂכר,
און שטענדיק, שטענדיק שטעלסטו אײַן מײַן קאָפּ
צום קלאָרן אָנקומען פֿון גזר.

און איך משונהדיקער גרויסער נאַר
הייב גערן מײַנע ביידע הענט,
כ׳ריר אָן אַ קרוין, די קרוין פֿון צער,
די קרוין פֿון דעם וואָס ליגט שוין לאַנג פֿאַרברענט.

אַנטפּלעקסט זיך מיר און מאָנסט פֿון מיר,
דו הייסט מיך שולדיק זײַן פֿאַר קיין שום זינד,
און אַז איך זאָג: מיך פּײַניקט דײַן באַריר,
הילכט אָפּ דײַן וואָרט: „פֿאַרגיי, פֿאַרשווינד.‟

איך האָב דאָס וואָרט ניט איין מאָל שוין געהערט,
עס האָט מיך לאַנג שוין, לאַנג שוין דורכגעברענט,
און איצט אַוודאי ווערט דײַן רצון ניט געשטערט
צונויפֿצוקלעמען מײַנע ביידע הענט.

נו שוין. כ׳בין אײַנגעקלעמט. און נאָכדעם — וואָס?
אַ נײַער פֿײַער ברענט און ברענט ניט אויס —
אַ פֿײַער פֿון אַ פֿלאַקערדיקן אות
צעשפּרייט זיך איבער אַלע ווינקלען פֿון מײַן הויז.

וואָס וועט זײַן?

וואָס וועט זײַן מיט דײַן טאָג, מיט דײַן נאַכט,
אַז אַ קראַמף אין דײַן וואָרט איז אַרײַן?
אָט איז אָפֿן דײַן ליפּ, אָט פֿאַרמאַכט,
וואָס וועט זײַן מיט דײַן וואָרט? וואָס וועט זײַן?

מענטשנס מעשׂים — ווי שפּינוועבס אויף ווינט,
נאָר אַ משל פֿאַר צער און פֿאַר שפּאָט.
צי דער מענטש האָט וואָס בעסערס פֿאַרדינט,
ווען אַ נאַקעטער שטייט ער פֿאַר גאָט?

אַז דו קוקסט אין זײַן הײַנטיקן תּהום,
ווילסטו לויפֿן צום אַלטן אַ מ אָ ל
און זיך אָנזאַפּן אויף ס׳נײַ ווי אַ שוואָם
מיט דער פֿולקייט פֿון געטלעכן עול.

דו טוסט בויען אַ וועלט פֿאַר דײַן דור,
און דער דור צאָלט מיט נײַערן שפּאָט,
און דײַן קאָפּ מיט די ווײַס-גרויע האָר
טוט ער שלעפּן צו ז ײַ ן עשאַפֿאָט.

דאָס נגלה־גליק

צעשפּרייט האָט זיך דאָס נגלהדיקע גליק
אויף אַלע פֿעלדער און אויף אַלע שליאַכן,
מיט זאַטקייט האָט געשפּאַרט פֿון יעדנס בליק
און ווי אַ מויל האָט עס געהאַלטן אין איין לאַכן.

אַן עולם האָט געטאַנצט מיט פֿלינקע פֿיס,
געדרייט זיך אין פֿאַרווירטע קאַראַהאָדן
און צוגעזונגען: ס׳לעבן איז אונדז זיס,
אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן אונדזער שאָדן.

האָט מיט אַ מאָל דאָס נגלהדיקע גליק
גענומען טרויערן און מורמלען אין געפֿליסטער:
— אָ, פֿירט מיך ווער צו מײַן באַהעלטעניש צוריק,
ווו כ׳בין געווען אונטער דעם מזל נ ס ת ר.

דער עולם האָט נאָך טאַנצנדיקער זיך געדרייט,
געגוואַלדעוועט: הוראַ! זאָל לעבן נ ג ל ה!
די וועגן האָבן זיך נאָך שליאַכיקער צעשפּרייט,
און הימלען איבער זיי — צעפֿלאַכטע שפּיגלען.

דאָס נגלה־גליק האָט ביטער זיך צעוויינט:
— אַז ווײ צו מײַן מערכה צו מײַן וויסטער,
אַז ווײ צו יענער שעה, ווען כ׳האָב געמיינט,
אַז כ׳מעג אַוועקגיין פֿון מײַן מזל נ ס ת ר.

דער עולם שרײַט נאָך מער „הוראַ!" און „בים!"
און אַלע שליאַכן מיט הילולה־ווײַן פֿאַרגיסט ער;
דאָס נגלה־גליק צעטראָטן ליגט אונטער די פֿיס,
און — דעמאָלט גייט עס אויף צוריק אין מזל נ ס ת ר.

ליד פֿון דער הילולה

איבער שפּיזן באַשאָטענע מיט בלומען
זײַנען זיי געגאַנגען מיט צעבלוטיקטע פֿיס,
די וועלטזיגער, און שלענג האָבן זייערע גיפֿטן
זיי אַרײַנגעקושט אין די פּיאַטעס, בים נאָך בים.

ס׳איז געווען אַזאַ צײַט פֿון אַ הילולה:
דער טאָג האָט אַרומגעטאַנצט אין אַ מיץ,
און די נאַכט, אין צעפּאַטלטע קודלעס,
האָט געוואָרפֿן פֿײַערווערק, בליץ נאָך בליץ.

די ברוקן האָבן אַרויסגעפֿליקט זייערע שטיינער,
זיי געשלײַדערט צו דער הימלדיקער הייך,
און פֿלאַמען האָבן דורכגעלעכערט דעכער
און געווײַרעכט מיט דיקע זײַלן רויך.

די ביימער, ווי אין אַ צירק טענצער,
האָבן זיך געקוליעט מיט די שפּיצן קעפּ אַראָפּ,
און די פֿעלדער, מיט אָנגעפֿילטע סנאָפּעס,
האָבן געשאָסן אויף די קעפּ סנאָפּ נאָך סנאָפּ.

צוליב וואָס איז געווען די הילולה?
גאָט אַליין האָט וועגן איר ניט געוווּסט.
דער טײַוול — אפֿשר יאָ, ווײַל דעם טײַוול
האָט מסתּם זיך אַ שפּיל טאָן פֿאַרגלוסט.

האָט ער אָנגעצונדן אַן אַלוועלט־הילולה
און אַראָפּגעשפּאָט אַזאַ גוטסקייט אויף דער ערד:
האָבן געהאַנגענע געקושט זייערע תּליות
און געקעפּטע האָבן ליב באַדאַנקט די שווערד.

האָט די קו זיך איבערגעגעבן דעם לעמפּערט,
ער זאָל זי אויפֿפֿרעסן ביזן לעצטן ביין,
און די לאָם איז זיך פֿאַרגאַנגען אין מתיקות
צווישן דעם וואָלפֿס בלוט־געהייליקטע ציין.

און דאָס יינגל האָט ביים לייב זיך געבעטן:
פֿאַרצוק מיך. און דער לייב האָט פֿאַרצוקט.
און טאַטע־מאַמע האָבן צוגעקוקט און געקוואָלן
און צום פֿאַרצוקער ווי צו אַ געץ זיך געבוקט.

ניט געווען נאָך אויף דער ערד אַזאַ מין גוטסקייט,
ניט געווען נאָך אַזאַ שלום אויף דער ערד.
איז קיין וווּנדער ניט, וואָס וואָרטלער און געזאַנגער
האָבן אָדעם צו די תּליות צוגעשטעלט.

די געזאַנגער זײַנען שטרויכלדיק געגאַנגען
און געטענצלט מיט צעווווּנדיקטע פֿיס,
און די שלענג האָבן זיי נאָכגעפּויזעט
און געשענקט זיי נײַע קושן, ביס נאָך ביס.

אַ באַשרײַבונג איז פֿאַראַן פֿון דער הילולה
אויף טאָוולען און אויף דענקמעלער פֿאַרקריצט.
און ווי לאַנג האָט זי געדויערט, די הילולה?
ווער ווייס? — אפֿשר דויערט זי נאָך איצט.

איר, בנים פֿון אַרמילוס*

צו די וואָס האָבן יאָרן לאַנג פֿאַרשוויגן די
דערמאָרדונג פֿון די ייִדישע שרײַבער און פֿון
דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד

אַכט לאַנגע יאָר האָט איר פֿאַרברעכעריש געשוויגן און פֿאַרשוויגן
דעם אומקום מאַרקישעס און בערגלסאָנס, געשטומט געמיין,
און איצט פֿאַרשלייערט איר דאָס שווײַגן מיט אַ נײַמאַסקירטן ליגן,
בשעת איר וואַרפֿט אין אײַער אייגענעם געקרוינטן געץ אַ שטיין.

צי זענט איר ניט געווען מיט אים איין בונדשאַפֿט פֿון פֿאַרניכטער?
צי האָט איר ניט געצערטלט זײַנע קוילן און זײַן טורמעקנוט?
אָ, בנים פֿון אַרמילוס, מיט די קרום־פֿאַרשמייכלטע געזיכטער,
אויף אײַער קאָפּ פֿאַלט כאַריקס, קוויטקאָס, האָפֿשטיינס בלוט.

דעם ווייטאָג אונדזערן האָט איר פֿאַרשפּיגן און פֿאַרשפּאָטיקט,
גענאַרט האָט איר אי זיך אי פֿרײַנד מיט שקרדיקער טרייסט;
אויך איצטער, ווען איר וואַרפֿט אום אײַער אָפּגאָט און פֿאַרבלאָטיקט,
איז טוט איר עס דערפֿאַר נאָר, ווײַל אַן אַנדער אָפּגאָט הייסט.

איר בנים פֿון אַרמילוס, שטייניקע ווי אײַער טאַטע,
אָ, נעמט כאָטש איצט דעם שמייכלשמינק פֿון אײַער ליפּ אַראָפּ;
באַווײַזט אַ נס: זיצט שבֿעה לעבן קולבאַקס טורמע־גראַטע
און טוט זיך אָן אין זעק און קלאָגט און רײַסט די האָר פֿון קאָפּ!

* אַרמילוס — אַ לעגענדאַרע געשטאַלט אין משיחס צײַטן. געבוירן פֿון אַ שטיין. זײַן הויפּט־סימן: ער איז אָן אַ געוויסן.

דער שומר בײַם טויער

דער טויער פֿון גאָרטן צעעפֿנט, צעפּראַלט,
דער שומר בײַם טויער — ווּ איז ער, דער שומר?
די אָוונטזון שטאַרבט און דער נאַכטשאָטן פֿאַלט
אַזוי ווי אַ זאַק אויף די קעפּ פֿון די ביימער.

ווי ערבֿ אַ שטורעם פֿאַרטײַעט אַלץ וואַרט,
די פֿינצטערניש הויערט אַלץ דיקער און דיקער,
דער שטורעם ברעכט אויס און זײַן אימפּעט צעשפּאַרט
די זײַלן פֿון טויער, צעשפּאַלט זיי אויף שטיקער.

אין איין הרף־עין אין שטורעם־געדריי
קומט אײַנבראָך אויף צווײַגן פֿון קלענסטן ביז גרעסטן
און איבערגעבראָכענע יאָמערן זיי
צוזאַמען מיט אַלע צעפּלינדערטע נעסטן.

אין גראָז בײַ די וואָרצלען צעוואָרפֿן ליגט פֿרוכט
צוזאַמען מיט פֿויגלשע קעפּלעך און פֿליגל.
דער שטורעם אַריבער. איצט קומט ווער און זוכט
אַ שפּור פֿונעם טויער, אַ שפּור פֿונעם ריגל.

ער זוכט. וואָס געפֿינט ער? צי מיינט ווער, אַז ווינט
האָט אָפּשײַ פֿאַר ריגלען, האָט אָפּשײַ פֿאַר ביימער?
ער זוכט. וואָס געפֿינט ער? יאָ, יאָ, ער געפֿינט
אַן איבערגעדעקטן מיט בלעטער דעם שומר.

דער צייכן: נאַר

איך פֿרעג: פֿאַר וואָס זאָל וועלן ווער צעשטערן
מײַן ליד און מיך און ווערן מײַן קאָשמאַר?
כ׳בין גרייט געווען און אײַנגעשטעלט מײַן שטערן
צו אויסקריצן אויף אים דעם צייכן: נ אַ ר.

אַ נאַר וואָס מיינט: דעם מערדער וועט אַ רעיון
פֿון תּשובֿה אָנגרײַפֿן ביז משוגעת,
און ער וועט אויף זײַן שטערן אויסקריצן: כ׳בין קין
וואָס הרגעט הבלען אויפֿן מיטן גאַס.

דעם רעיון אָבער לאַכט אויס דער פֿאַרניכטער,
ער האָט פֿון בלוט הנאה ווי פֿון ווײַן,
ער בלײַבט דערבײַ געלאַסן, קאַלט און ניכטער,
ער קאָן זײַן קין און דערצו נאָך — רוּיִק זײַן.

בלײַב איך אַליין דער אויסגעלאַכטער איינער,
אויף מערדערס שטערן ניט קיין שפּור פֿון צער
און ניט פֿון מאָרד. עס משפּט אים ניט קיינער.
בלײַבט מ ײַ ן שטערן אַליין נאָר מיטן צייכן: נ אַ ר.

אַטאָם

איך שטיי בײַם ראַנד פֿון אַ מדבר־תּהום
און כ׳הער אַ קול פֿון דאָרן צו דאָרן:
מײַן קינד אַטאָם, מײַן זון אַטאָם,
אַנטפּלעק דעם סוד וואָס עס מיינט ז ײַ ן ג ע ב אָ ר ן.

צעשפּאַלט זיך דער תּהום. איך דערשפּיר בחוש,
אַז אַ רגע איז לאַנג ביליאָנען יאָרן.
דערהער איך אַ קול: כ׳ריר דיך אָן מיט אַ קוש
פֿון א י י ד ע ר די וועלט איז געווען געבאָרן.

מיט וואָס בין איך זוכה צו אַזאַ מין נס,
ווען כ׳שטיי אַליין ווי אַ מדבר־דאָרן? —
דערהער איך אַ קול: פֿאַרגעס, פֿאַרגעס,
אַז דו ביסט אַ מאָל גאָר געווען געבאָרן.

דער הימל — אַ גלײַיקער, פֿלאַמיקער שוואָם,
ער שטײַגט, ער וואַקסט אָן שרעק, אָן צאָרן;
דערהער איך אַ קול: מײַן זון אַטאָם,
איצט רו מיט דער רו פֿון א י י ד ע ר געבאָרן.

דער האַר וואָס לאַכט

דער הפֿקר־האַר לאַכט, דער פֿאַרשווועכער —
ער טראָגט צו מײַן שוועל זײַן באַגער
אַרײַנצוטאָן סם אין מײַן בעכער,
כּל־זמן איך בין איך און ער — ער.

כּל־זמן ס׳איז נאָך דאָ אויף זײַן חלק
אַ שארית פֿון צײַט, וואָס דערקענט
אַ זינדוווּנד אין אַלץ וואָס איז הייליק,
אַ בלוטפֿלעק אויף ווײַסע צוויי הענט.

אַ בלוט, וואָס ניט איך האָב פֿאַרגאָסן,
אָן אַנדערער — ערגעץ — דאָ — דאָרט,
נאָר איך האָב אין ווידוי פֿון חצותן
געזען זיך מיט בלוטזינד געפּאָרט.

מײַן וואָרט האָט פֿונאַנדערגעשאָסן
דער הפֿקר־האַר אין זײַן רשות,
דאָס בלוט, וואָס ניט איך האָב פֿאַרגאָסן,
פֿליסט סײַ ווי צו מיר אין זײַן פֿלוס.

ער לאַכט — דער פֿאַרשווועכער־פֿאַרשעמער,
בײַ נאַכט קומט ער נאָענט צו מיר צו
מיט רויטס אין צוויי ריזיקע עמער
און זאָגט: דו ביסט איך, איך בין דו.

ער זאָגט: ס׳איז ניטאָ מער קיין סדר.
ער הייבט אויף אַ האַנט און באַשפּריצט
מיט בלוט מײַ געזיכט, מײַנע קליידער
און זאָגט: כּ ו ל ו א י ך ביסטו איצט.

וועלטבילד

זיי טראָגן אויף זיך ניט קיין קרוינען,
זיי האַלטן אין האַנט ניט קיין סצעפּטער,
טאָג־טעגלעכע פּראָסטע פאַרשווינען
פון ערגעץ אַ העק אַ פאַרגרעבטער.

דאָך קאָנען זיי אַלע — פון וואַנען? —
די תּורה פון קרוין און פון סצעפּטער,
זיי טוען קאַלטבלוטיקע שפּאַנען
אַריבער די קעפּ פון געקעפּטע.

די קעפּ ליגן בלוטיק־צעקײַקלט
אויף קאַנטיקע שטיינער פון ברוקן;
אַ ווונק — און אַ פּויק זיך צעפּײַקלט,
אַ צייכן פאַר קני זיך צו בוקן.

פאַר קני? ווּעמעס קני? — ניט צו פרעגן,
אַ פאַרטיקע מחנה פון קניִער
פילט אָן אַלע גאַסן און וועגן —
אַ מחנה פון איצט און פון פריִער.

דער אייביקער פּחד פון קניִער,
קיין חילוק צי עושר צי שלעפּער,
זיי קניִען צום תּליה־פאַרציִער,
צום לינטשער, פאַרגאַזער און קעפּער.

געקעפּט. ווּעמעס קאָפּ? קיינעמס דאגה.
אַ נוליקער גען הוליעמאַניעט —
אין וואַלד, צי אין פעלד, צי אין טײַגע,
ס'געוויסן פון מענטש כוליגאַנעט.

זיי קניִען, זיי קניִען — די קניִער,
זיי שרײַען, זיי שרײַען — די שרײַער,
ביז אָט דער אַטאָמען־צעגליִער
צעשפּאַלט זיי. — דער לעצטער באַפרײַער.

זיי האָבן ניט בײַ נאַכט ווו זיך אַהינצוטאָן

זיי טרינקען ווײַן. זיי האָבן ניט בײַ נאַכט ווּו זיך אַהינצוטאָן.
זיי לאָדן אוים דעם צער פון זיך אויף פרעמדע שוועלן.
זיי בײַסן זיך אַרײַן מיט צאָרן פון אַ שאַרפן צאָן
אין זייער אייגן וואָרט. אויף זייער קאָפּ נעמט העלן

אַ ליכטיקייט אַזאַ — אַ בלויע שײַן פון יענער וועלט.
און געטלעך אײַנגעבראָכן ווערט פאַר זיי די וועלט פון דאַנען.
אַ ווינט נעמט דורך דאָס האַרץ זיי מיט אַ פײַערדיקער קעלט.
און דעמאָלט נעמען זיי דורך ברוכשטיקער ווי איבער תּהומען שפּאַנען.

זיי גיבן אָפּהענטיק אַ פאַל; עס דוכט זיך זיי, זיי שלאָפן אײַן;
זיי בלײַבן הענגען אויסגעשפּרייטע איבער אָפּגעקילטע תּהומען —
ווען מיט אַ מאָל אַ זמר־יאָמער, ווי אַ דיבוק וואָלט אין זיי אַרײַן,
נעמט זינגען שירה צו פונאַנדערשאַלן זייער נאָמען.

זיי שפּרינגען אויף, זיי הייבן אויף אַ פיבערדיקע האַנט,
זיי גיבן צייכנס, אַז דאָס ווינקען זיי צום וועלט־באַשעפער,
זיי פאַלן נאָך אַ מאָל אַוועק בײַם ערשטן אָנשלאָג פון אַ וואַנט
און דאַנקען, דאַנקען דעם באַרויִקער, דעם אייביקן פאַרשלעפער.

אַ ז א י י נ ע ר פֿ אַ ר ט ר ו י ט ז י ך

גװוידמעט אַ צאָל יונגע דיכטער

אַז איינער פֿאַרטרויט זיך: כ׳בין מיד —
דאַרפֿט א י ר זײַן און װערן נאָך מידער?
און לאָזן אויף װינט אײַער ליד
װי ס׳לעצטע פֿון לידער?

צו יונג װילט איר רוען
אויף ערד פֿון גן־עדנשן זומער,
צו פֿרי װילט איר טרינקען
פֿון פֿאַרטיקן יין־המשומר.

איר מײַדט אויס דעם גורל פֿון צאַם,
איר קלאַפּט זיך ניט אָפּ אָן אַ גדר,
רינט גלאַטיק אַראָפּ אײַער װאָרט
פֿון אײַער גרינג פֿליסיקער פֿעדער.

די לויטערסטע אײַערע נעכט
װי ליידיקע שאָלעכצן װערן;
װער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט
צו שלינגען װי אַרבעס די שטערן?

יונה הנביא
אין אינגעווייד
פונעם גרויסן דג



סוף־נאַכטיקער נעפּל

אין אָנדענק פֿון י.־נ. שטיינבערגן

סוף-נאַכטיקער נעפּל צעשפּרייט זיך
און ס׳גייט אויף אַ שטראַלנדיק לאַנד,
און איבערן לאַנד ווי אין חלום
אַ מאַן אַ ניט-דאָיִקער שפּאַנט.

זײַן פּנים שלאָגט אָפּ מיט אַ העלקייט,
און אָט מיט אַ פּורפּורנער רויט,
און גאָר מיט אַ מאָל מיט אַ בלאַסקייט,
געמישט מיט דער ווײַסקייט פֿון טויט.

און ווי ער פֿאַרגייט אין דער ווײַסקייט,
זײַן קול מיט אַ מאָל זיך צעוויגט:
איך זינג, מענטש, צו דײַנע נצחונות,
אַפֿילו ווען א י ך האָב פֿאַרשפּילט.

די הענט זײַנע רירן אָן הייכן,
און פּלוצלינג — זיי זינקען אַראָפּ,
דעם נאַקעטן זאַמד פֿון די וועגן
רירט אָן זײַן געבויגענער קאָפּ.

ער ליגט אויפֿן זאַמד אויסגעצויגן
און ס׳האַרץ זײַנס ווערט איבערגעקערט
אין ניגון פֿון געטלעכן בראשית
בײַם אָנהייב באַשאַף פֿון דער ערד.

פֿיר פֿאַר טאָג

פֿיר פֿאַר טאָג
נעמט אויסשלאָגן דער זייגער,
אַ שלאָג און נאָך אַ שלאָג,
אַזוי ווי עס איז דער שטייגער.

איינס — צוויי — דרײַ — פֿיר,
און איידער פֿינף נעמט שלאָגן,
דערהער איך אַ שאָרך בײַ דער טיר,
אַקוראַט ווען ס'הייבט אָן טאָגן.

אַלץ אין מיר איז וואַך
און כ'דאַרף ניט קיין אויגן צו קוקן,
כ'נעם דורך איעדע זאַך,
ווי כ'וואָלט זען אַפֿילו מיטן רוקן.

צי כ'ריכט זיך אויף וועמען דאָ?
אַוודאי, איך ריכט זיך שטענדיק,
דערפֿאַר איז דער קלונג פֿון אַ שעה
אַפֿילו פֿאַר דער וואַנט פֿאַרשטענדיק.

זי גיט זיך אַ בייג — די וואַנט,
זי וואָלט זיך אין שטויב צעטראָגן,
ווען כ'שטרעק ניט אויס מײַן האַנט,
דער זייגער זאָל נאָך אַ מאָל שלאָגן.

פֿינף פֿאַר טאָג —
אַ מונטערער שלאָגט דער זייגער,
אַ שלאָג און נאָך אַ שלאָג,
אַזוי ווי עס איז דער שטייגער.

אין פֿאַרשעמונג

אין פֿאַרשעמונג טרויערט מײַן גײַסט
אין נעכט פֿון חלומות:
אַ פֿרײַנד מיט צאָרן צערײַסט
מײַנע לידער אויף שטיקער שמות.

ער וואַרפֿט מיר אין פּנים: זשאַרגאָן!
ער האַלט מײַנע לידער פֿאַר טריפֿע.
ער זאָגט מיר מײַן מיתה אָן
פֿון ניו־יאָרק ביז תּל־אָבֿיבֿ און חיפֿה.

איך רעד צו אים און דערמאָן
אונדזערע טאַטעס — אונדזערע אָבֿות.
אָבער ער זאָגט זײַנס: „זשאַרגאָן;
דו געהערסט דעם מלאך־המוות;

דאַרפֿסט גיין צו אייביקער רו —
ווײַל ייִדיש איז געשטאָרבן".
און אַ לוויה זאָגט ער מיר צו,
ווי ס'פּאַסט אַ פֿאַראַדנעם קרבן.

איז מיר גוט. כ'ווער צעזעצט פֿון גליק.
כ'בין אַ פּאָעט אַן עושר:
אין מאָסקווע הענג איך אויף אַ שטריק,
אין ניו־יאָרק־תּל־אָבֿיבֿ — אויף אַ פֿרײַנדס יושר.

פּאַרטרויטע בלעטער

ניט דענקמאָלשטיין וועט אייביקן מײַן שם,
נאָר ווײַספּאַפּירענע פּאַרטרויטע בלעטער,
אין אָט דער וועלט פֿון עלנטקייט און קלעם,
אין אָט דער וועלט פֿון קינישע געטער.

כ׳בין ווײַט פֿון זײַן אַ גאַוודיקער מאַן,
און שטאָלצעס שטייען ניט בײַ מײַנע טירן,
און אויב ס׳איז ערגעץ אויף דער ערד פֿאַראַן
אַ טרייסטונג, לאָז איך מיך אַהין צו פֿירן.

און אויב קיין טרייסטונג איז דורכויס ניטאָ,
דערשרעקט מיך ניט די אַל-אַליינקייט,
און אין די נעכט אין שפּעטער שעה
באַוווּנדער איך פֿון שטומעניש די שיינקייט.

און אין די נעכט אין שפּעטער שעה,
אויב כ׳הער אַ קול: גענוג צו שטומען!
גלײַך ענטפֿער איך: ברוך הבא!
און נעם אויף דעם וואָס האַלט אין קומען.

דער וווּנדערלעכער. איך דערקען
זײַן פּנים אין דער שעה דער שפּעטער.
ער נעמט מײַן האַנט און פֿירט מיט איר מײַן פּען
אויף שטיל פֿאַרעקשנטע פּאַרטרויטע בלעטער.

אָדע צו אַ פֿאָטאָגראַפֿיע*

אויף איין פֿאָטאָגראַפֿיע אַכט יִדישע דיכטער.
פֿון זיי זײַנען זיבן בײַם לעבן ניטאָ מער.
צום אָפּשטראַל פֿון זייערע יונגע געזיכטער
אַן אָדע פֿאַרפֿאַסן און אויסזינגען לאָמיר.

דער עלטסטער פֿון זיי — אַבֿרהם רייזען. אָט זיצט ער
אין צענטער, ווי ס׳איז אים דער כּבֿוד געקומען;
ניט קוק אויפֿן בילד מיט די אויגן פֿון איצטער,
דאָס בילד איז אין יאָר נײַנצן פֿופֿצן גענומען.

דו קוק אויפֿן בילד מיט די אויגן פֿון דעמאָלט,
נאָר ריר עס ניט אָן מיט די הײַנטיקע פֿינגער.
אָ, זע, ווי דײַן שוואַרצאַפּל צינדט זיך און פֿלעמלט,
וואָס עלטער דו ווערסט — אויפֿן בילד ווערסטו יִנגער.

געדענק אָסקאַר ווײַלדס דאָריאַנס קאַטאַסטראָפֿע,
ניט וואַרף אויף דער יונגקייט קיין זקנהשן מעסער,
נאָר נעם און צעדימענט אַ יִנגלשע סטראָפֿע
און טו זי אויף אַלעמען אָן ווי אַ כּתר.

דער כּתר איז דאָ — פֿאַר ניט-דאָיִקע דיכטער.
וואָס מיינט דאָס וואָרט דאָ, און וואָס דאַרף עס באַטײַטן?
דאָס מיינט אַ געזאַנג פֿון אַ וווּנדער-געשיכטע
פֿון דאָיִק-ניט-דאָיִקע העל בלויע צײַטן.

איז איינער נאָך דאָ מיט אַ פּען אַ באַשערטער,
וואָס שרײַבט אין דער נאַכט מיט פֿאַרטאָגיקן לשון,
וואָס לײַטערט און קלײַבט און דערחלומט די ווערטער
פֿון דיכטער וואָס זײַנען מיט אונדז מער ניטאָ שוין.

זײַ מוסיף צו זיי אַלע דיכטערשע ברידער
וואָס זײַנען פֿאַרגאַנגען. דאָס ליכט פֿון אַגדה,
דורך פּײַן און דורך פֿרייד, רוט אויף זייערע לידער
און אויך אויף דײַן הײַנטיקן ליד — אויף דײַן אָדע.

* אויפֿן וואַנט בײַ מיר הענגט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע גענומען אין 1915. אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע: ר. אײַזלאַנד, מ. באָרײשאָ, אַ.-מ. דילאָן, מ.-ל. האַלפּערן, ז. לאַנדוי, ה. לייוויק, א. ראַבאָי, בראש מיט אַבֿרהם רייזענען.

אונטערן לענגלעכן צודעק

אין אָנדענק פֿון שמואל ניגערן ע״ה

א

אונטערן לענגלעכן צודעק
פֿון אָרון — אַ ווונדער אַזאַ:
רמ״ח אײַנגערוּיִקטע אבֿרים
און גידים שס״ה.

געשטאָרבן — וואָס מיינט עס? אָט קוק נאָר:
פֿוועקלייגן זיך אין אַ פּלאַך
און אויפֿלייזן זיך אינעם ווונדער
פֿון מספר שס״ה און רמ״ח.

בראשית מיינט ערד און מיינט הימל
און חיה און דוממשע זאַך,
און נאָכדעם דער מענטש קומט, יאָ, נאָכדעם
דער מענטש מיט שס״ה און רמ״ח.

מיר פֿרעגן ביז הײַנטיקן טאָג נאָך:
מדוע דעם צדיק איז רע?
פֿאַר וואָס? — יאָמערט אויף אין זײַן וויטאָג
דער גוף פֿון רמ״ח און שס״ה.

אַן אויסטײַטש, אַז צדיק ורע לו
מיינט: צדיק ניט פֿרײַ נאָך פֿון שלעכטס;
און אָט ליגט דער מענטש אין זײַן שטילקייט
און גיט ניט אַפֿילו קיין קרעכץ.

בײַ נאַכט גייען אויף אַלע שטערן
מיט בלענדיקער ווײַסקייט אַזאַ,
אַזוי גייט אויף אין דער ווײַסקייט
דער מספר רמ״ח און שס״ה.

ב

דוקאָר און ניו־יאָרק און דער ים־אָקעאַן —
פֿון דאָרט ביז אַהער נאָר איין שפּאַן, נאָר איין שפּאַן.
דאָס ליד — אונדזער ליד, און דאָס וואָרט — אונדזער וואָרט,
דאָס וואָרט פֿון אַבֿלות קלאָגט דאָ און קלאָגט דאָרט.

צי לעבט נאָך איהומען? צי לעבט נאָך דוקאָר —
זיי זײַנען ניטאָ מער, זיי זײַנען ניטאָ.
די גריים פֿון דער וועלט איז די פּײַן פֿון אַ דור,
און גרעסער פֿון זיי איז דײַן לעצט־לעצטע שעה.

איבער וואָלקנס

א

מיטן וועג איבער וואָלקנס
טראָגט מיך דער עראָפּלאַן.
ווי שנעל ער זאָל מיך ניט טראָגן,
איז זײַן פֿלי ניט מער ווי איין שפּאַן.

איך קוק דורכן שײַבל און טראַכט:
איך בין שנעלער געגאַנגען אין קייטן געשמידט,
און שנעלער נאָך, ווען אַ צפֿון־נאַכט
האָט פֿאַרפֿרוירן אין גאַנצן מײַנע טריט.

צי בענק איך נאָך יענעם פֿראָסט?
צי בענק איך נאָך יענעם שניי?
לאָמיר פֿרעגן בײַם וואָלקן,
וואָס איז ווײַס ווי זיי.

ב

איך בין אין די וואָלקנס
און מײַן האַרץ איז אונטן.
עס ציט ווי מיט צוואַנגען
דער אָפּגרונט פֿון גרונטן.

כ׳גיב זיך איבער דעם שטול.
אַ רו נעמט מיך אַרום
בײַם געדאַנק פֿון פֿאַלן:
איך פֿאַל און קום ניט אום.

דער אָפּגרונט — אין פֿלאַמען
פֿון ראַנד ביז ראַנד,
אויף פֿליגל פֿון פֿײַער
קום איך אָן און איך לאַנד.

אַ קול רופֿט אוים

א

אַ קול רופֿט אוים: „דו מוזסט!"
וואָס מוז איך? ענטפֿער, קול!
אַנשטאָט אַן ענטפֿער הער איך
דעם רוף אַ צווייטן מאָל.

איך נישטער בײַ דער טיר,
כ׳פֿאַל צו צו יעדער וואַנט;
איך זוך, הגם דער רופֿער
איז מיר פֿון לאַנג באַקאַנט.

איך קען אים, זינט איך לעב,
און אויך אַזוי זײַן קול,
דאָך דוכט מיר, אַז איך הער אים
צום סאַמע ערשטן מאָל.

ער רופֿט: „דו מוזסט! דו מוזסט!"
איין גוטער גאָט נאָר ווייסט,
צי מ ו ז איך זײַן פֿאַרפֿאַלן,
צי מ ו ז איך זײַן דערלייזט.

ב

דער קול, וואָס רופֿט מיך, זאָגט: „איך בין דײַן מוזע."
דער קול באַרירט מיך ווי אַ האַנטבאַריר:
„ס'איז טיפֿע נאַכט, ס'איז חצות, דעריבער מוזסטו
אַ ליד פֿון חצות פֿאַרשרײַבן אויף פּאַפּיר."

פֿאַר וואָס גאָר מוז איך? זאָג מיר! —
„חצותן
האָט אויך דײַן טאַטע אָפּגעריכט."

— צי קען אויך מ ײַ ן קאָפּ זײַן אַזוי באַגאָסן
ווי זײַנער מיט אַ ניט-פֿון-ד ע ר-וועלט-ליכט?

„אַוודאי קען ער." —
זע, פֿאַרלאָזטע ביכערשראַנקען,
אַן עלנטע וואַזאָנע און אַ וואַנטפּאָרטרעט
און ליכט וואָס צאַנקען, צאַנקען, צאַנקען. — — —

„אָ, גאָט, דו רעדסט ווי אַ פֿאַרמשפּטער פּאָעט."

נחם תּיבֿה

עס שווימט איבערן וואַסער נחם תּיבֿה
בײַם סוף פֿון פֿערציק טעג און נעכט.
אין צײַט פֿון מבול האָבן מענטש און חיה
פֿאַרגעסן זייער טבֿע צו זײַן שלעכט.

די חיות ליגן אויסגעלייגטע אין דער תּיבֿה
אָן צוים, אָן שטײַג, אין פֿרידלעכקייט אַליין.
דער לייב קוקט מילד מיט זײַנע גרויסע אויגן.
אַ שמייכל שפּילט זיך אויף דעם לעמפּערטס ציין.

אַ לאָם מיט צוטרוי צו אַ וואָלף זיך טוליעט,
אַ שלאַנג מיט ווייכע שאָרכן רינגלט זיי אַרום,
און נחס קינדער שם און חם און יפֿת
צום אַלטן טאַטנס מעשׂיות הערן צו זיך פֿרום.

דער אַלטער נח רעדט מיט פֿאָרכטיק-פֿרומע ווערטער.
צו זײַנע מעשׂיות גיט ער אויך חלומות צו,
חלומות וועגן טעג, וואָס וועלן נאָכן מבול
נאָך מער זײַן טעג פֿון פֿרידלעכקייט און רו.

דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט געווען ביז איצטער.
נאָך שלעכטער איז געווען די חיה — צוק און גוואַלד.
פֿון איצטער אָן, נאָך אויסגעלײַטערטקייט אין תּיבֿה,
זיי וועלן גליק נאָך שפּרייטן איבער פֿעלד און וואַלד.

דעם אַלטנס קול צעטראָגט זיך דאָס מאָל קלערער
ווי נעכטן-אייערנעכטן, ווײַל דעם הימלס שטראָם
איבער דעם דאַך פֿון תּיבֿה ווערט שוין שטילער,
און ליכט נעמט אויפֿגיין איבערן וואַסער-תּהום.

דעם אַלטנס האַרץ צעלויטערט זיך פֿון שׂמחה.
אַ זיסער דרעמל קלעפּט די אויגן זײַנע צו.
עס דרעמלען אויך די זין. און מיט אַ מאָל — אַן אויפֿפּרײַס:
געבריל, געביל, געוואָי, און: מע! און: מו!

דער אַלטער כאַפּט זיך אויף. אויך שם און חם און יפֿת.
זיי קוקן זיך אַרום — אַלץ דוכט זיך ווי געווען;
דער לייב, ווי פֿריִער, ליגט און אויך אַזוי דער לעמפּערט,
און אויך דער וואָלף. די לאַם אָבער איז ניט צו זען!

וווּ איז די לאַם? — זי איז חלילה ניט געשעדיקט,
זי ליגט אָבער פֿאַרקראָכן אין אַ ווינקל איינע אַליין.
איר וואָל צעשויבערט, אירע ליפּן שוימען
און ביידע אויגן טרויערן אין שטיל געוויין.

וואָס איז געשען אין דער מינוט פֿון זיסן דרימל?
די לאַם קען ניט דערציילן. זי איז שטום.
און שטום איז אויך דער לייב און אויך דער לעמפּערט
און אויך די שלאַנג, וואָס רינגלט זיי אַרום.

דער מבול איז שוין אײַנגעשטילט. די תּיבֿה שווימט זיך,
זי וויגט זיך איבערן גלאַטן שפּיגל פֿונעם ים.
נאָר נח מיט די זין — זיי דרעמלען שוין ניט אײַן מער,
זיי זוכן פּתרון פֿאַר די טרערן פֿון דער לאַם.

מײַן אייגענע שעה פֿון גאולה

ווען וואָרט ליגט אין אַנגסן פֿון גזירה,
באַהערשט פֿון דיקטאַטאָרס פֿון דולע,
גראָד דעמאָלט אַנטפּלעקט זיך אָן ברירה
מײַן אייגענע שעה פֿון גאולה.

איך שפּיל אוים מיט פֿיבער פֿון פֿינגער,
צו קיינעם ניט מער קיין פֿאַרפֿליכטער,
אַ ניגון, וואָס לייזט אוים דעם זינגער,
אַ ליד, וואָס באַפֿרײַט זיך פֿון דיכטער.

אַ פֿלאַטער פֿון טענער ווי פֿלאַמען.
די שעה טוט זיי ווינטיק צעבלאָזן.
כ'בין גליקלעך — כ'וועל גאָרנישט פֿאַרזאַמען,
מײַן האַרץ וועט אַליין מיך פֿאַרלאָזן.

די תּאווה פֿון ווײַטערע שעהען
האָט מער שוין אויף מיר ניט קיין שליטה,
איך קוק ווי מײַן ווײַסער חזיון
ליגט שטיל ווי אַ קינד אין אַ מיטה.

און טאָג קומט דורך נײַעם פֿרי־מאָרגן,
דערלייזט פֿון געהיימער דערשרעקונג,
און אַלץ וואָס געווען איז פֿאַרבאָרגן
ווערט אָפֿן אין פֿולער אַנטפּלעקונג.

כ'ווער גרינג ווי אַ פֿעדער. נאָך גרינגער.
אַריבער די קעפּ פֿון פֿאַרניכטער.
כ'ווער ניגון, וואָס זינגט זיך אָן זינגער.
כ'ווער ליד פֿרײַ־באַפֿרײַט פֿונעם דיכטער.

יונה הנבֿיא אין די אינגעווייד פֿונעם גרויסן דג

וימן ד׳ דג גדול לבלע את־יונה ויהי
יונה במעי הדג שלשה ימים ושלשה לילות
יונה ב׳

א

איך ליג אַן אײַנגעקלאַמערטער אין פֿינצטערנישן פֿון געדערעם,
איך קען ניט רירן מיט קיין האַנט און מיט קיין פֿוס. אָ גאָט, מײַן גאָט!
וואָס איז געשען מיט מיר? מיך פֿלאָגט צום טויט דער נאָמען פֿון אַ שטאָט.
איך זאָג דעם נאָמען קוים אַרויס — נאָר דו, אָ גאָט, דערהער אים.

דערהער אים מיט דערווידערונג, פֿאַרמיאוס אים, פֿאַרשילט אים,
ווי איך האָב אים געשאָלטן סײַ בײַ טאָג און סײַ בײַ נאַכט.
און איצטער אַז איך ליג אין שטיקעניש, ווי אין אַ גרוב פֿאַרמאַכט,
און יעדער צוק אין מיר דערגרייכט מײַן מוח און פֿאַרקילט אים —

שטעכט דורך די פֿינצטערקייט דער נאָמען נינווה ווי אַ שפּיז
און ס׳ווערט מײַן מוח אויף דאָס נײַ פֿאַרכאַפּט ווי אין אַ פֿלאַם,
כ׳דערמאָן זיך, ווי די יונגען האָבן מיך אַרײַנגעשלײַדערט טיף אין ים,
און ווי איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם גיהנום-פֿיש דעם ריז.

איך בין אַרײַנגעפֿלויגן אין זײַן אָפּגרונטמויל, אין שטורעמדיקן שוווּנג,
דער קבֿר-תּהום דער דג האָט מיך אַרײַנגעשלונגען מיט איין שלונג.

ב

דער קבֿר-תּהום דער דג האָט מיך אַרײַנגעשלונגען מיט איין שלונג.
איז וואָס וועט איצטער זײַן מיט מיר? אָ, ענטפֿער מיר, באַשעפֿער.
כ׳האָב קיין מאָל ניט באַגערט צו זײַן, צו ווערן, גלאַט אַ טרעפֿער,
ניט איצט, ניט פֿריִער, ניט אַ מאָל, ווען כ׳בין געווען נאָך יונג.

כ׳האָב טיף אין האַרץ באַגערט דײַן נבֿיא, גאָט, צו זײַן —
אַזאַ וואָס זאָל דעם מענטש מיט שלווה און מיט גוטס באַגליקן;
צום רשע אָבער האָב איך ניט געוואָלט דו זאָלסט מיך שיקן,
מײַן פֿוס זאָל קיין מאָל אין דער טומאה פֿון זײַן רשעות ניט אַרײַן.

איך האָב געזען דײַן לויטערקייט, וואָס נעמט אַרום די וועלט,
און ווי דאָס קלענסטע גרעזל וויגט זיך האָפֿערדיק און גלייביק,
איז אויך געווען מײַן חלום: אין דײַן לויטערקייט צו בלײַבן אייביק
און אויפֿשטעלן בײַ שטילע פֿרומע ווערבעס מײַן געצעלט.

פֿון חלום מײַנעם ביז צו דעם גדערעמדיקן חושך — אַזאַ שפּרונג!
אַ לויב דיר, גאָט, וואָס כ׳קאָן צו זיך אַליין כאָטש רײדן מיט דער צונג.

ג

אַ לויב דיר, גאָט, וואָס כ׳קאָן צו זיך אַליין כאָטש רײדן מיט דער צונג,
און כ׳קאָן צונויפֿקלאַמערן און אויך פֿונאַנדערעפֿענען די ציינער,
און ווײַט, אויף אייביק ווײַט, פֿון נינווה דער געמיינער
איך קאָן אין אַ מינוט, ווען כ׳אָטעם אָפּ, אַפֿילו טאָן אַ זונג,

אַ זונג אַרײַן אין בלינדן, פֿײַכטן חושך פֿון מײַן תּפֿיסה,
ווו רגעס זײַנען שעהען לאַנג, און שעהען — ענדלאָזע מעת-לעתן.
די ווערטער אָבער פֿון מײַן לויטערער נבֿואה טו איך ניט פֿאַרגעסן,
זיי וויקלען אײַן מײַן צונג צו מאָל מיט טרייסטונגען מיט זיסע.

די ווערטער מײַנע האַלטן וואַך, זיי זאָגן: הענט און פֿיס, זײַט רויִק,
ניט אַרן זאָל אײַך, וואָס איר ליגט פֿאַרגליווערטע, ווי אײַנגעפֿראָרן,
אַ מאָל האָט אײַך דער ווינט פֿאַר טאָג געצערטלט לינד און טויִק,
אַ מאָל האָט אײַך די זון געבענטשט מיט פֿרייד פֿון יונגע יאָרן.

אָ, טרויער מײַנער, האַק ניט אָפּ דײַן דמיון, ניט צעשטער אים,
פֿאַרבלײַב געטרײַ דײַן חלום פֿון נבֿואה, ביז צום טויט געהער אים.

ד

פֿאַרבלײַב געטרײַ דײַן חלום פֿון נבֿואה, ביז צום טויט געהער אים,
פֿאַראַכט דעם דגה־בויך דעם אויסגעשמאַלציקטן אין נחת,
דעם אָנגעפּוישטן מיט דערשטיקטע ים־לייבן און טשערעפּאַכעס,
אַ בויך וואָס מיינט, ביסט זײַנער פֿון געבוירן אָן, געהער אים!

ער מיינט נאָך מער: די וועלט איז ער און ער — די גאַנצע וועלט.
ער שלינגט און שלינגט אַלץ אײַן אין זיך מיט ווילדער לײַכטקייט.
און אַלץ וואָס קומט אַרײַן אין אים ווערט גליטשיקייט און פֿײַכטקייט.
זײַן בלוט, וואָס דאַרף זײַן וואַרעם, שטעכט מיט גליווערדיקער קעלט.

אָן איבל, אַ ניטגוטקייט. גאָט, מײַן גאָט, איך ווער דערשטיקט
אין בענקשאַפֿט נאָך אַ טפֿח ערד, נאָך קערנער זאַמד, נאָך גראָזן!
זאָל זײַן — כ׳האָב ניט געטאָן און ניט געפֿאָלגט, ווי דו האָסט מיך געשיקט,
צי קומט מיר, אַז דו זאָלסט דערפֿאַר מיך אַזוי צאָרנדיק פֿאַרלאָזן?

כ׳האָב ניט געוואָלט אַרײַנטרעטן אין שטאָט פֿון רצחדיקן מעסער,
צי דאַרף מײַן שטראָף דערפֿאַר זײַן פֿינף מאָל, צען מאָל גרעסער?

ה

צי דאַרף מײַן שטראָף דערפֿאַר זײַן פֿינף מאָל, צען מאָל גרעסער?
אָן אויפֿהער פֿון בטחון מינטערט און דערמינטערט מיך צוריק,
כ׳זאָל קראַנק אַ שמייכל טאָן צום אויסלעש פֿון פֿאַרגייענדיקן גליק,
און צו דער האָפֿענונג, אַז מאָרגן אפֿשר וועט מיר ווערן בעסער.

מײַן האַרץ פֿאַרגייט אין קראַמף פֿון נעכטיקע זכרונות.
מען האָט גערעדט אויף מיר, אַז איך בין אײַנגעשפּאַרט, אַז איך בין האַרט.
אין אמתן בין איך געווען אַפֿילו צו אַ שטיין און צו אַ דאָרן צאַרט,
ווײַל שטיין אין זײַן ניט קאָנען זיך אַ ריר טאָן — אומשולדיק און ריין איז.

דײַן שיקן מיך קיין נינווה איז געווען אַ צייכן פֿון אַ שטרענגער שעה.
ווײַל וואָס איז נינווה, בורא־עולם, אויך פֿאַר דיר? אַפֿילו ניט קיין סדום,

ווו דו האָסט אויסזוכן געוואָלט אַ מאָל צדיקים צען אין תּהום
און ניט געפֿונען זיי — אין נינווה זײַנען זיי געווים, געווים ניטאָ.

כ׳שרײַ אויס אַפֿילו איצט מיט אָפּגעהאַקטן שטאַרבנדיקן מוט:
איך וויל ניט גיין קיין נינווה, צו דער שטאָט פֿון מאָרד און בלוט!

ו

איך וויל ניט גיין קיין נינווה, צו דער שטאָט פֿון מאָרד און בלוט.
צי ביסטו ניט קיין עדות, גאָט, ווי איך האָב מיך געבראָכן
דורך לאַנגע טעג און נעכט, דורך פּײַן פֿון גורלדיקע וואָכן
צו קאָנען אויספֿירן דײַן שליחות פֿון אַ שטראָפֿנדיקער רוט

און אויך פֿון אַ בעל־רחמים צו אַזאַ געמיינער שטאָט אַפֿילו.
ניט איין מאָל בין איך שוין געשטאַנען בײַ די ווענט פֿון אָט דער שטאָט,
אַפֿילו איין מאָל שוין אַרײַנגעשטעלט אויף יענער זײַט מײַן טראָט,
אַ ציטערניש אין האַרץ, און אויף מײַן ליפּ — אַ פֿיבערדיקע תּפֿילה.

ערשט פּלוצלינג — ווי אַ האַמער וואָלט אַ זעץ געטאָן מיר אין די שלייפֿן,
אַ גרוילגעדאַנק האָט מיך אַרומגעכאַפּט: צי איז אַ סדום גאָר ווערט
צו ראַטעווען זיך פֿון צו זײַן אויף אַלע מאָל ביז אין יסוד צעשטערט
דורך לײַטזעליקייט, דורך רחמים? — כ׳האָב גענומען אויף צוריק אַנטלויפֿן.

איך בין געלאָפֿן און געשריִען: גאָט, מײַן האַר, דו טוסט ניט גוט!
דער רשע איז ניט ווערט, ניט ווערט קיין נסימדיקע טרייסט מינוט.

ז

דער רשע איז ניט ווערט קיין נסימדיקע טרייסטמינוט,
ער זאָל אויף מאָרגן, גלײַך נאָך אַלע אָפּגעטוענע רציחות,
אַ קלאַפּ טאָן כּלומרשט זיך אין האַרץ און — שוין, ער איז צוריק אין ייחוס!
אויף זײַנע אָרעמס הענגט ער ווידער אָן זײַן פֿײַל־און־בויגן און זײַן קנוט.

ער איז צוריק בײַ די צעשפּרייטע חיה־פּיס פֿון זײַנע געטער,
ער זיצט דערנאָך און רוט אין קילן שאָטן פֿון זײַן פֿײַגנבוים,

און אין זײַן תּפֿיסה־גרוב, אין שמוץ, אין בלוט און שוים
זײַן קרבנס קאָפּ ליגט ווײַטער ווי געלעגן אין צעשמעטער.

און אויף די דעכער פֿון זײַן פּאַלאַץ טרײַבט ער ווידער אָן זײַן זנות
און אין זײַן האַרץ זײַן שׂנאה־נעסט איז ווידער פֿול און פֿול;
אָ, גאָט, איך האָב פֿאַרשאָלטן זיך אַליין, וואָס כ'האָב מײַן פֿוס
אַרויפֿגעשטעלט אויף נינווהס ערד אַפֿילו נאָר בײַם אָנהייב גבֿול.

כ'האָב גלײַך געהערט איר תּליונס קול, דורך קייטן און דורך שלעסער —
דער מערדער טוט זיך שקרדיק אַ לאַך: איר זעט — איך בין שוין בעסער.

ח

דער מערדער טוט זיך שקרדיק אַ לאַך: איר זעט — איך בין שוין בעסער.
און איידער נאָך מײַן פֿוס האָט צײַט אַ טראָט טאָן אויף צוריק,
גיט האַסטיק זיך אַ צי צו מיר, אַ וואָרף אויף מיר מײַן שטריק,
און מיט דער שטריק — זײַן לאַנגער, בלאַנקענדיקער תּליון־מעסער.

ווען כ'וואָלט פֿאַרזאַמט איין רגע נאָר, וואָלט גלײַך די שטריק
פֿאַרכאַפּט מײַן האַלדז אויף טויט. נאָר איך בין שנעל אַנטלאָפֿן
מיט מײַן געשריי צו דיר: באַשטראָף מיך, גאָט, מיט אַלע שטראָפֿן,
אַבי ניט שיק מיך שענקען נינווה נאָך אַ מאָל אַפֿילו נאָר אַ בליק!

איך בין געלאָפֿן איבער מדבר־דערנער, איבער פֿעלדז־גראַניטן
אַלץ ווײַטער, ווײַטער אין דער הייסער שטילקייט און אַליינקייט,
ביז כ'האָב דערזען זיך ליגן אויף אַ שטיין אין סאַמע מיטן
פֿון טיפֿע זעמדער, דורכגעשטראַלטע מיט מנוחה־ריינקייט.

איך בין געלעגן און געטענהט, גאָר ניט אָנענדיק מײַן שנעלן סוף:
דורך ז י ך און ניט דורך אַ שליח מוז דער מענטש זיך אויסלייזן פֿון שטראָף.

ט

דורך ז י ך און ניט דורך אַ שליח מוז דער מענטש זיך אויסלייזן פֿון שטראָף
און אויך ניט דורך אַ צדיקס זכות, אַפֿילו ווען דער צדיק איז פֿאַראַן;

דער וואָלף זאָל ניט גערעכטיק בלײַבן, ווײַל — אַ פֿערד גייט ערגעץ ווו אין שפּאַן,
דער לעמפּערט זאָל ניט ווערן כּשר, ווײַל — ס'איז ערגעץ דאָ אַ פֿרומע שאָף.

דײַן רחמים, גאָט, איז גרויס אויף אַלץ וואָס ווידמעט זיך און לעבט,
דײַן לײַטזעליקייט צום מענטשן־מין איז גרעסער נאָך, נאָר ער
נוצט אויס די ברכה פֿון דײַן ערד צו שלעכטס בײַ יעדן ווענד און קער;
אַלץ קומט אים, מיינט ער, און ער ווערט פֿאַרהפֿקרט און פֿאַרגרעבט.

איך האָב דערמאָנט דעם וואָלף, דעם לעמפּערט, — כ'בעט בײַ זיי מחילה.
זיי האָבן אין דער טבֿע פֿון פֿאַרצוקונג גרענעץ, שיעור און מאָס.
דער נינווהר אָבער פּײַניקט, רויבט און זינגט דערבײַ אַ זיסע תּפֿילה.
דעריבער עסט מיר אויס מײַן האַרץ אַ גרויס געוויין, אַ טויטפֿאַרדראָס.

פֿאַרדראָס נאָך מער, וואָס מיר וועט שוין ניט זײַן באַשערט צו וויסן,
אויב מענטש וועט אויפֿגיין ווען אַ ל י י ן אין פּײַן פֿון זײַן געוויסן.

י

אויב מענטש וועט אויפֿגיין ווען אַ ל י י ן אין פּײַן פֿון זײַן געוויסן,
צי וועט ער מיך אין יענע ווײַטע חלום־טעג געדענקען?
דער תּהום פֿון ים וועט ניט נאָר מיך, נאָר אויך מײַן קבֿר־פֿיש צעשווענקען,
און קיינער וועט פֿון מײַן אַהינגעקומענעם געביין ניט וויסן.

איך בין ניט בייז אויף די צעשראָקענע מאַטראָסן־יונגען,
וואָס האָבן מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם שטורעמדיקן שטראָם.
זיי אַרט ניט נינווה, ווי עס אַרט זיי ניט געוויס דער אַלטער סדום.
זיי אַרט נאָר זייער שיפֿעלע, דאָס שיפֿעלע ניט ווערן זאָל פֿאַרשלונגען.

און אַז דער נפֿש זייערער זאָל ניט דערטרונקען ווערן,
מוז איינער זײַן פֿאַר זיי דער קרבן. אַרט עס זיי? אָ, גאָט, מײַן האַר,
די יונגען, די מאַטראָסן, וועלן שוין ניט זײַן מער אין געפֿאַר,
זיי וועלן שוין דעם וועג געפֿינען דורך די לויטערע און קאַלטע שטערן.

און איך, אין מײַן פֿאַרשווונדן ווערן אין פֿאַרפֿאַלנקייט פֿון סוף,
אין לעצטע אַנגסטן וואַרט איך אַלץ נאָך אויף דײַן טרייסטוואָרט: האָף.

יא

אין לעצטע אַנגסטן וואַרט איך אַלץ נאָך אויף דײַן טרייסטוואָרט: האָף,
דורך דיקער פֿינצטערניש דײַן קול זאָל מיך אויף ס'נײַ דערגרייכן;
צעשפּאַלט די וואַסערן און גיב דעם גולם־דג אַ צייכן,
ער זאָל מיך פֿון זײַן קבֿר־תּהום אַרויסוואַרפֿן. אויב ס'קומט מיר שטראָף,

זאָל זײַן מײַן שטראָף ניט אין די אָפּגרונטן פֿון ים, נאָר אויף דער ערד,
וואָס איז מיר ליב און טײַער, צווישן גראָז און בוים און דאָרן.
פֿאַרוואַרף מיך, ווו דו ווילסט, עק וועלט, אין האַרבקייט פֿון דײַן צאָרן,
אַפֿילו ביז צום טויער פֿון גן־עדן, ווו עס ברענט דײַן פֿלאַקערשווערד

זינט אָדמען, און קיינער קאָן אַהין בײַם לעבן ניט אַרײַן.
כ'וועל ליגן אויף דער האַרטער ערד און קושן אירע שטויבן,
ביז וואַנען כ'וועל זיך אויף דאָס נײַ צו גאָר דײַן לויטערקייט דערהייבן,
כ'זאָל ווידער קומען אין דײַן היכל און אַ נבֿיא נאָר פֿון גוטס צו זײַן.

טו אָפּ פֿון מיר דײַן שווערן צאָרן, גאָט, און אַלע זאָלן וויסן —
דײַן בונד מיט יונה בן אַמיתּי בלײַבט אויף אייביק ניט צעריסן.

יב

דײַן בונד מיט יונה בן אַמיתּי בלײַבט אויף אייביק ניט צעריסן.
אין אָט די שעהען פֿון מײַן ענגן אָטעם קומט אין דמיון מיר מײַן מוטער.
און אויך מײַן שטרענגער פֿאָטער קומט. ער איז אַ שטילער איצט, אַ גוטער.
זיי ביידע רירן אָן די בלינדע אויגן מײַנע צו פֿאַרשליסן.

זיי זײַנען ביידע שלוחים דײַנע, שלוחים דיר געטרײַע.
און מיר איז גוט צו שפּירן ביידנס פֿינגער אויף מײַן שטערן.
דער מאַמעס פֿינגער זײַנען וואַרעם מיט דער וואַרעמקייט פֿון טרערן,
דעם טאַטנס פֿינגער זײַנען פֿלאַמיק מיט דער פֿלאַמיקייט פֿון פֿײַער.

דעם טאַטנס פֿײַער גייט אַרײַן אין אַלע מײַנע ביינער,
דער מאַמעס טרערן שטראָמען דורך דורך מײַנע מידע ברעמען.
זיי זאָגן גאָרנישט, ווײַל זיי וואַרטן ביידע ד ײַ ן וואָרט צו פֿאַרנעמען,
און אויך אַז ד ײַ ן וואָרט זאָל אַ לויכט טאָן אויף דעם שוים פֿון מײַנע ציינער.

זיי וואַרטן צו דערוואַרטן זיך אויף רגעם נסימדיק־פֿאַרהיטע,
מײַן פּחד פֿאַרן טויט זאָל אויפֿשײַנען אין נצח פֿון דײַן שליטה.

יג

מײַן פּחד פֿאַרן טויט זאָל אויפֿשײַנען אין נצח פֿון דײַן שליטה,
און אויב דער חושך־קלעם האָט מיך ביז איצט נאָך ניט דערוואָרגן,
צי איז עס ניט אַ צייכן, אַז איך וועל דערלעבן נאָך ביז מאָרגן,
דערנאָך וועט קומען נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט און אפֿשר נאָך אַ דריטע.

צי איז עס ניט אַ גוטער צייכן, אַז דו וועסט אין גאַנצן מיך באַפֿרײַען?
צי קומט ניט טאַקע אָן דער גרויסער נס? אָ, אויגן, אויגן מײַנע,
פֿאַר וואָס פֿאַרמאַכט איר זיך אין מיטן פֿון מײַן תּפֿילה, פֿון מײַן טענה?
מײַן טענה איז דאָך אַזאַ שטילע־שטילע. אָ, ווי מיד איך בין פֿון שרײַען!

כ'געדענק אין גאַנצן גאָר ניט מער, ווי לאַנג איך בין שוין דאָ פֿאַרשלונגען.
אַ נאַכט — און אפֿשר שוין אַ יאָר, און אפֿשר גאָר שוין דורות?
און אפֿשר דאַרף איך ערשט געבוירן ווערן? זע, אַמיתּי איז מײַן שורש —
איז וואָס האָט בן אַמיתּי פֿאַר אַ שייכות מיט מאַטראָסן־יונגען?

טו אָפּ פֿון מײַן זכּרון, גאָט, די גאָרע פּײַן, וואָס כ'האָב געליטן.
איך בעט נאָר איינס: פֿאַרנעם דעם לעצטן הויך פֿון יונה בן אַמיתּין.

יד

איך בעט נאָר איינס: פֿאַרנעם דעם לעצטן הויך פֿון יונה בן אַמיתּין;
איך רעד די רייד, ווי כ'וואָלט געווען צו זיך אַליין אַ צווייטער,
אַן אויסגעטוענער פֿון זיך, כּדי צו זײַן פֿאַר אַל דײַן גנאָד אַ גרייטער
אין שלווהדיקער דאַנקעניש, וואָס דו ביסט מײַן באַשיצער און באַהיטער.

די אבֿרים מײַנע זײַנען שוין פֿאַרגאַנגענע, פֿאַרשטילטע, אָפּגעטײלטע,
און גוט איז מיר צו שפּירן, ווי איך ווער אַ לײַכטער, ווי אַ ווינט אַ גרינגער.
ס׳איז אמת, אַז איך גיב נאָך ווען אַ ריר, אַ צאַפּל מיט אַ פֿינגער
צו איבערגעבן אים, אַז מײַנע רגעס זײַנען שוין געציילט־געצײלטע.

דער פֿינגער אָבער, צווישן טויט און לעבן, איז שוין מער ניט מײַנער.
איך זע, ווי ער און אַלע מײַנע אבֿרים טײלן זיך נאָך מער פֿונאַנדער,
זיי טראָגן זיך אַוועק ווי וואָלקנס ערגעץ אין אַ הימל־וואַנדער,
און איך פֿאַרבלײַב מיט דיר, מײַן גאָט, אין גאַנצן דײַנער, דײַנער.

כ׳באַדויער נאָר, וואָס מענטשן, אין די דרכים דײַנע ניט־געניטע,
פֿאַרזאָרגטע וועלן מיך אַרומזוכן: אָ, וווּ איז יונה בן אַמיתּי?

טו

איך ליג אַן אײַנגעקלאַמערטער אין פֿינצטערנישן פֿון געדערעם.
דער קבֿר־תּהום דער דג האָט מיך אַרײַנגעשלונגען מיט איין שלונג.
אַ לויב דיר, גאָט, וואָס כ׳קען צו זיך אַליין כאָטש זאָגן מיט דער צונג:
פֿאַרבלײַב געטרײַ דײַן חלום פֿון נבֿואה, ביז צום טויט געהער אים.

צי דאַרף מײַן שטראָף, כ׳פֿרעג נאָך אַ מאָל, זײַן פֿינף מאָל, צען מאָל גרעסער?
איך וויל ניט גיין קיין נינווה, צו דער שטאָט פֿון מאָרד און בלוט.
דער רשע איז ניט ווערט, כ׳שרײַ נאָך אַ מאָל, קיין נסימדיקע טרייסטמינוט,
דער מערדער זאָל אַ לאַך טאָן שקרדיק: איר זעט, איך בין שוין בעסער.

דורך ז י ך און ניט דורך אַ שליח מוז דער מענטש זיך אויסלייזן פֿון שטראָף,
דער מענטש מוז אויפֿגיין ווען אַ ל י י ן אין פּײַן פֿון זײַן געוויסן;
אין לעצטע אַנגסטן וואַרט איך אַלץ נאָך אויף דײַן טרייסטוואָרט: האָף,
דײַן בונד מיט יונה בן אַמיתּי בלײַבט אויף אייביק ניט צעריסן.

מײַן פּחד פֿאַרן טויט זאָל אויפֿשײַנען אין נצח פֿון דײַן שליטה —
איך בעט נאָר איינס: פֿאַרנעם דעם לעצטן הויך פֿון יונה בן אַמיתּי.

1956

דער נחש קומט מיר צו חלום

והנחש היה ערום מכל חית השׂדה
בראשית ג׳

אַ גוף געקעסטלט שוואַרץ און ברוין און געל,
אַ קאָפּ געפּינטלט מיט צוויי טיפֿע אויגן,
צונויפֿגעקנוילט איז ער געלעגן בײַ מײַן שוועל,
און מיט אַ מאָל אַ צוק געטאָן און זיך צעצויגן.

אַ שאַר געגעבן זיך, דערנאָך — אַ שפּרונג,
אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר און זי צעעפֿנט;
און ס׳נעמט קיין רגע ניט און שוין זײַן צונג
הייבט אָן צו ריידן, ממש מיך צו פּלעפֿן:

„וואָס ליגסטו אויסגעצויגן אויף דײַן בעט? שטיי אויף
און גיי מיט מיר, איך בין נאָך דיר געקומען.
איך בין דער נחש פֿון בראשית. זעסט מײַן גוף?
ער איז אַזאַ ווי דו האָסט אים פֿאַרנומען

אַ מאָל אין דײַנע חומשדיקע טעג
אין חדר, ווען דו האָסט געוווּסט אויף זיכער,
אַז גאָט אַליין האָט מיר פֿאַרטרויט דעם וועג
צו אים, און מיך פֿון אַלע פּויזער־קריכער

מיט חכמה אויסגעטײלט, אַז איך זאָל זײַן דער האַר
און אויך דער געטרײַער היטער פֿון גן־עדן.
עס מאַכט ניט, וואָס דער סוף געווען איז גזר,
איך זאָל מיט חוהן און מיט אָדמען זיך שיידן,

אַז זיי זאָלן פֿאַרטריבן ווערן, און מיט זיי
אויך דו, אַ קינד, זאָלסט פֿילן זיך פֿאַרטריבן.
יאָ, יאָ, איך האָב געזען דײַן צער און וויי,
דײַן מיטלעבן מיט אַלץ וואָס שטייט פֿאַרשריבן.

איך האָב געזען ניט איין מאָל, ווי דו פֿלעגסט
אין מיטן גאַס אין שטעטל שטיין און ריידן,
כ׳האָב גוט געהערט דײַן טענה, ווי דו פֿרעגסט:
פֿאַר וואָס קומט דיר פֿאַריאָגט זײַן פֿון גן־עדן?

אַז עמעצער אין לײַכטזין גאָר אַ מאָל אַ מאָל,
אַן אָדם צי אַ חווה, איז געווען אַ זינדער —
פֿאַר וואָס זאָל זייער שטראָף פֿאַרבלײַבן ווי אַן עול
אויף אייביק, מאַטערן אויך זייערע קינדער?

די שאלה, אמת, האָט ניט איינער שוין געפֿרעגט
נאָך פֿ אַ ר דיר, אָבער דײַנע ווייטאָגווערטער
באַזונדערס האָבן אַנגסט אין מיר אַליין געוועקט,
און ביסט פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן מײַן באַגערטער.

איך האָב פֿאַרשוואָרן זיך צו ברענגען דיך צוריק
אַהין, פֿון וואַנען ס׳איז פֿאַריאָגט געוואָרן
דער ערשטער אָדם — צו דעם לאַנד פֿון גליק,
און אָט אַ קום איך טאָן, ווי כ׳האָב געשוואָרן.

נעם אײַן דײַן פחד, הייב זיך אויף און קום,
איך וועל דיך פֿירן צו דעם טויער פֿון גן־עדן.״
אַזוי האָט ער גערעדט, דער נחש, ווייך און פֿרום,
און איך האָב צוגעהערט זיך גלייביק צו זײַן ריידן.

כאָטש הינטער מײַנע ווענט געלעגן איז פֿאַרברענט
אַ וועלט מיט מענטשן און מיט שטעט און לענדער,
פֿון דעסט וועגן האָב איך מיט מײַנע ביידע הענט
אַ צי געטאָן זיך צו דעם אָנזאָגער פֿון ענדער.

איך האָב אַ פֿרעג געטאָן נאָר אין אַ לײַכטן מוט:
„צי דו אַליין וועסט מיך צו מאָל ניט טייטן
אין מיטן וועג, צי בײַ דער סאַמע גליקמינוט
בײַם אָנקומען און מיך ניט אויפֿעסן אַ גרייטן?

ווײַל אויסזען זעסטו אויס אין גאַנצן שלאַנג,
און שלאַנג פילט אָן מײַן האַרץ מיט קאַלטע גרווילן.״ —
„וואָס רעדסטו? ענטפֿערט אָפּ אַ שטיל געזאַנג.
ס׳איז אמת טאַקע, אַז איך קנויל זיך אײַן אין קנוילן.

דאָס האָבן דורות לאַנגע מיך דערפֿירט דערצו,
איך זאָל זיך דרייען און זיך קײַקלען און זיך וויקלען
אַרום די וועלט־מזלות פונקט אַזוי ווי דו
און פונקט ווי דו זאָל איך זיך טיילן און זיך שטיקלען

אויף הונדערטער און טויזנטער חלקים, ווען מען דאַרף —
איין רינג צו צפֿון־זײַט, דער צווייטער רינג צו דרום,
דער קאָפּ צו מזרח־זײַט, גראָד דעמאָלט ווען איך וואַרף
מײַן עק צו מערבֿ־זײַט אַזוי ווי מיט אַן אָרעם.

און אָט לויפֿט אָן אַ ווינט און קלײַבט מיך אויף
און כ׳שטרעק מיך אויס — אַ שטייענדיקער, גלײַכער,
און אַז איך קום און וועק דיך מיט מײַן רוף
בין איך שוין ניט פֿון די וואָס קריכן אויף די בײַכער.

דעריבער זאָלסטו וויסן — כ׳בין ניט מער קיין שלאַנג.
איך בין דײַנס גלײַכן, און זאָלסט האָבן אין מיר גלויבן.
וועסט גיין מיט מיר, דער וועג איז גאָר ניט לאַנג,
צום לאַנד פֿון עדן, צו זײַן סאַמע העכסטן אויבן.״

„איך בין דאָך אָבער, ווי דו זעסט, פֿאַרשלאָפֿט און אַלט,"
האָב איך גענומען איבער זיך אַ פּחד שפּרייטן.
„וואָס שייך אַלט? דײַן יונגע ייִנגלשע געשטאַלט
וועט גיין מיט דיר, מיט אונדז, און דיך באַגלייטן."

„ס'איז גוט, נאָר עפּעס צו גוט", איז אין מיר
דאָס האַרץ פֿאַרגאַנגען אין אַ טרויערווי אַ שאַרפֿן.
און ווי איך טראַכט אַזוי, ערשט אין דער סאַמע טיר
אַ שווערד האָט זיך באַוויזן, זיך גענומען וואַרפֿן.

גענומען צינדן זיך צווייזײַטיק — בליץ נאָך בליץ,
און אָט איז שוין די שווערד מיר נאָענט בײַם שטערן.
„דאָס איז די פֿײַערשווערד, מיט וועלכער איך באַשיץ
די טירן פֿון גן־עדן פֿון צעעפֿנט ווערן.

ניט שרעק זיך, זאָגט מײַן גאַסט, שטיי אויף און גיי.
אַז ניט, וועט זיך די שווערד אַליין צעוויגן
און דיר דעם האַלדז אַ שניט טאָן איינס און צוויי
און דו וועסט דאָ אַ טויטער בלײַבן ליגן.

און אויב דו שרעקסט זיך יאָ, אַז טאָמער אין דער שעה
פֿון אָנקומען צום ציל וועט עפּעס טרעפֿן —
צי קען דען ערגער זײַן פֿון אומקומען אָט דאָ
דאָס שטאַרבן אינעם גוטן מויל, וואָס איך צעעפֿן?"

„אוי וויי, וואָס רעדסטו?" שרײַ איך אַנגסטיק אויס.
„וואָס מיינען דײַנע מאָדנע ווערטער די צעקרעלטע?
אָט גיסטו דאָך אַליין זיך פֿאַר אַ שלאַנג אַרויס —
אַ שלאַנג אונטער אַ נחש־מאַסקע אַ פֿאַרשטעלטע."

„זײַ שטיל! עס איז דיר פֿרעמד דער גרויסער סוד
פֿון אַלע וווּנדער בײַ דעם טויער פֿון גן־עדן.
די ספֿקות דײַנע נעם איך אויף מיט גאָטס גענאָד,
ווײַל כ'ווינטש דיר גאָלע גליק און לויטער פֿריידן,

אַפֿילו דעמאָלט ווען מײַן צאָרן זיך צעטריפֿט
אַריבער אַלע מײַנע אויפֿגעבליצטע ציינער,
ווען שאַרפֿער פֿון מײַן צונג שפּריצט אויף מײַן גיפֿט
אַרײַנצושטראָמען אין דײַן בלוט און דײַנע ביינער.

זײַ שטיל און רעד ניט מער! שטעל אָן דײַן טראָט
און גיי מיט מיר פֿאַרטרוילעך און באַשיידן.
איך וועל פֿאַר דיר צוריקקריגן בײַ גאָט
דאָס פֿולע רעכט אויף דײַן פֿאַרלאָרענעם גן־עדן."

איך בין אַרויס פֿון צימער און געלאָזט זיך גיין,
פֿאָרויס מײַן וועגווײַזער דער אומגעריכטער,
דורך פֿעלדער, וועלדער און דורך שטויב און שטיין,
אַריבער פֿינצטערנישן און אַריבער ליכטער.

אַריבער רעכטס, אַריבער לינקס. קיין חילוק — זײַט
דורך וואָכן, דורך חדשים און דורך יאָרן,
ביז צוגעקומען צו אַ ג ר ע נ ע ץ, וואָס די צײַט
האָט זי אַרויסגעהויבן פֿון מײַן אור־זכּרון.

די גרענעץ איז געווען: מײַן סאַמע ערשט געוויין
בײַ מײַן געבאָרן ווערן אין אַ ווינטערנאַכט באַגינען.
בײַ אָט דער גרענעץ זײַנען מיר געבליבן שטיין
אַ ווײַטערדיקן אויסקוק צו געפֿינען.

ערשט לײדיקײט פֿאַרױס און גאָרניט מער.
מײַן װעגװײַזער האָט אָפּגעװאַרט אַ קורצע װײַלע,
דערנאָך געגעבן זיך מיט האַסט צו מיר אַ קער:
„אָט דאָ באַדאַרפֿסטו זיך אַ הײב טאָן מיט התפּעלות

און שנעל אַרײַנשפּרינגען, װי אי ך װעל באַלד עס טאָן.“
„כ׳האָב מורא,“ האָב איך קוים געזאָגט מיט פֿיבער,
„איך קאָן אין לײדיקײט ניט שפּרינגען.“—„צװינג זיך! קאָן!“
האָט זיך מײַן װעגװײַזער צעשריִען און אַריבער

אין אײן מינוט גלײַך אין אַ שטילערן געמיט,
גענומען רײדן מיט אַ שטימע װי פֿון כּישוף:
„צי זעסטו ניט אָן דאָרט, אָן דאָרט, װי ס׳בליט
אַ געטלעכער, אַ װוּנדערלעכער יישובֿ

אױף יענער זײַט פֿון לערן תּהום, אָן דאָרט
אַהינטער דײַן פֿאַטאַלן לעבנס־צײכן,
זע, מענטש און שטערן זײַנען דאָרט געפּאָרט,
דאָס איז דאָך דער גן־עדן, װאָס מיר דאַרפֿן גרײכן.

אָט האָבן דאָרט די מענטשן שױן דערשפּירט
דאָס קומען פֿון אונדז בײדן און זײ שטרעקן
צו אונדז די הענט, און יעדע האַנט איז — ליכט,
און יעדנס אױג נעמט דורך דער װעלטס פֿיר עקן

און יעדנס אױפֿשטאַמל פֿון ליפּן איז מוזיק,
צי הערסטו ניט? זײ רופֿן דאָך דײַן נאָמען.
דער תּהום אָט דער איז די געבענטשטע בריק
אַהין. עס איז דער װוּנדער פֿון תּהומען.

טו גלײַך װאָס איך.“ דער נחש טוט אַ שפּרונג.
נאָר איך — קײן ריר, אַזױ װי צוגעשמידט צו קײטן.
און דאָ געשעט דאָס גרױליקסטע: אַ שלונג! —
דורך צײנער, אײנער שפּיציקער פֿון צװײטן,

אַ פֿלי געטאָן האָב איך דורך שטאָך און ברען,
און אין דעם נחשס האַלדז געבליבן שטעקן. —
און מער געדענק איך ניט, װאָס װײַטער איז געװען,
װײַל דאָ נעמט דער באַגינען פֿון מײַן שלאָף מיך װעקן.

און אָט טוּכט אױף די זון. מיט אימפּעטיקן האַסט
אַרױסגעלאָפֿן בין איך פֿון מײַן צימער
אַן אױסגעלײזטער פֿון מײַן אױסגעדאַכטן גאַסט
און צוגעפֿאַלן צום פֿאַרטאָגעדיקן שימער.

אױף פֿעלד און װאַלד אַרום אַ ליכטיק בלױ,
אַ דורכגענומענער מיט ראָז, האָט זיך צעצונדן,
אױף בלאַט און גראָז צעבלענדט האָט זיך דער טױ,
ביז װאַנען ער איז אין דער זון פֿאַרשװוּנדן.

אײן טראָפּן נאָר — אַן אַלקאָלירטער פֿונק
האָט זיך דער זון צום לעצטן אָפּגעגעבן.
געװען איז ער פֿאַר מיר אַ בשׂורהדיקער װוּנק,
אַז מיר איז אָנגעצײכנט נאָך אַ טאָג צום לעבן.

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאָן

438

(123)

[illegible]

צו שווערד האָבן זיך צעוויגן, זיך געניטן [illegible].

געניטן זיך זיך צעשפּאַלטן — גלייך נאָך גלייך,
און עס איז שוין די שווערד מער ניט קיין שווערד,
[illegible] ווי די [illegible] שווערד, [illegible]
די [illegible] פון [illegible] פון צעראַנסט ווערן.

ניט [illegible] זיך, [illegible] מיין [illegible], [illegible]
[illegible], ווער [illegible] די שווערד [illegible]
און דער [illegible] [illegible] [illegible]
און [illegible] [illegible] [illegible]

און [illegible] [illegible] [illegible]
פון [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible]


ה. לייוויק
לידער צום אייביק

לידער
צום
אײביקן

א. צייטלין